בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת בָּלָק (באר"י פִּנְחָס)

263

תשפ"ב

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב הבעל שם טוב 7**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
# קרן הדפסה היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי גֶעב אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט מַיינֶע קִינְדֶער שַׁבָּת אִין שׁוּל?......................... א

וִוי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן אַ חַבְרְ'טֶע וָואס פַּאלְט?......................... ב

זָאל אִיךְ זִיךְ גֶטְ'ן, צוּ קֶענֶען הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער?......................... ה

הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּארְגֶעסְן פוּן מִיר?......................... ז


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


אַ מְחַיֶ', אִיךְ הָאבּ אַ קַאפְּל......................... א

אַ קִינְד פוּן זֶעקְס אוּן אַ הַאלְבּ יָאר זָאל עֶנְדִיגְן תְּהִלִּים?......................... ג

מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען מִיט הַכְנָעָה אוּן דֶרֶךְ אֶרֶץ......................... ג

דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען גְרוֹיס, אָבֶּער דֶער רֶבִּי אִיז גְרֶעסֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער......................... ד

זָאגְן אַ וֶוערְטְל אֵיידֶער מֶען הוֹיבְּט אָן דֶעם שִׁיעוּר......................... ה

טוּן חֶסֶד אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג......................... ו

אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הַנָאָה אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה......................... ט

גֵייט אָנְגֶעטוּן אִידִישׁ, טוּט עֶס פַּאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת......................... י

וִוי אַזוֹי בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים זָאגְן תְּהִלִּים......................... י

נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס מֶען רֶעדְט, דֶער עִיקָר בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן......................... יא

חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זָאגְן קַיין לִיגְנְט פַאר דִי רֶעגִירוּנְג......................... יב

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַּארְ'ן חָשׁוּבְ'עֶר דַיָּין שְׁלִיטָ"א......................... יב

חִינוּךְ אִיז נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען......................... יג

וֶוען מֶען אִיז מְקַנֵא דִי וָואס הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן......................... יד

הַדְרָכוֹת פַאר אַ כַּלָה.......... טז

דַאוֶּוענֶען זָאל זַיין בַּיי דִיר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ.......... יז

אִיךְ הֶער שֵׁיינֶע גְרוּסְן פוּן עֶנְקֶער מְלַמֵד.......... יח

הֲפָּצָה אִיז אוּנְזֶער הָאפֶענוּנְג לְנֵצַח נְצָחִים.......... יט

אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט פוּן מֶענְטְשְׁן, דֶערמָאלְט וֶוערְט מֶען אַנְטוֹישְׁט.......... יט

אָנְגְרֵייטְן דֶעם לוּחַ פַאר שְׁנַת תשפ"ג.......... כ

אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' גֶעמַאכְט פַאר מַיין זוּן שֵׁיינֶע לַאנְגֶע גֶעקְרַייזְלְטֶע פֵּיאוֹת.......... כ

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, טְרָאץ אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען.......... כב

חֲלִישׁוּת הַדַעַת הָאט יֶעדֶער, מִיר הָאבְּן כָאטְשִׁיג אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה.......... כב

"שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" בְּרֶענְגְט בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת.......... כג

נֶעמֶען וָואס דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן גֶעבְּן, אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען.......... כד

חֲנֻכַּת הַבַּיִת פוּנֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן "קֶרֶן הַדְפָּסָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ".......... כה

מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ צוּ אַזַא טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחָה אִין שְׁטֶעטְל.......... כה

אַייעֶרֶע קִינְדֶער דַארְפְן אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע.......... כו

אַז דַיין צוּקֶער אִיז הוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן.......... כז

וֶוער נִישְׁט אַ קְנֶעכְט פַארְ'ן טֶעלֶעפָאן.......... כז

גֶעבּ צַייט פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, וֶועסְט פִיל פַארְדִינֶען.......... כח

פּוּנְקְט בַּיי שִׁידוּכִים זִינְגְט מֶען דֶעם נִיגוּן אַז אַלֶעס אִיז בַּאשֶערְט.......... כט

תְּהִלִים גֶעבְּט כֹּחַ צוּ לֶעבְּן.......... כט

זֶען פַארְוָואס דִי עֶירְקָאנְדִישְׁן אִין כּוֹלֵל מַאכְט פְּרָאבְּלֶעמֶען.......... ל

צִינְדְן דִי שַׁבָּת לִיכְט רוּאִיג, פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעלַאסְן.......... ל

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדֶע פְּרוּטָה פוּן דִי מוֹסְדוֹת.......... לב

אִיךְ בִּין טַאקֶע נִישְׁט קַיין מַלְאָךְ, אָבֶער אוֹיךְ נִישְׁט קַיין גַלָח.......... לג

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וִוי אַזוֹי גֶעבּ אִיךְ זִיךְ אַן עֵצָה מִיט מַיינֶע קִינְדֶער שַׁבָּת אִין שׁוּל?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ נֶעם מַיינֶע קִינְדֶער שַׁבָּת אִין שׁוּל, אִיךְ וֵוייס אָבֶער נִישְׁט וָואס צוּ טוּן וֶוען זֵיי לוֹיפְן אַרוּם אִין שׁוּל, דְרֵייעֶן אַלֶעס אִיבֶּער אוּן זֵיי הֶערְן נִיטְאַמָאל וָואס אִיךְ רֶעד.

דִי גַבָּאִים פוּן שׁוּל הָאבְּן מִיר שׁוֹין גֶעהֵייסְן עֶטְלִיכֶע מָאל אִיךְ זָאל אַהֵיימְטְרָאגְן דִי קִינְדֶער, וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען נָאר בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִין שׁוּל אַז מֶען הַאלְט זֵיי מִיט זִיךְ.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת פַאר דִי עֶלְטֶערְן וָואס בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִין שׁוּל אוּן לָאזְן זֵיי אוֹיף הֶפְקֵר; עֶס זֶענֶען דָא עֶלְטֶערְן וָואס מֵיינֶען אַז אַ שׁוּל אִיז אַ פְּלַאץ פַאר בֶּעבִּי סִיטְן, מֶען וִויל הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, מֶען נֶעמְט אַרוֹיס דִי קִינְדֶער אוּן מֶען בְּרֶענְגְט זֵיי אִין שׁוּל אוֹיף הֶפְקֵר; אַ שׁוּל אִיז נִישְׁט קַיין בֶּעבִּי סִיטִינְג, עֶס אִיז אַ חִלּוּל בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן עֶס שְׁטֶערְט דִי מִתְפַּלְּלִים.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִין שׁוּל, אֲפִילוּ גָאר קְלֵיינֶע

קִינְדֶער - זַיי מְחַנֵךְ זַיין, זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען דַאוֶּועֶנֶען, זֵיי מַרְגִיל זַיין וְוִי אַזוֹי דַאוֶּועֶנֶען זֶעט אוֹיס; וָואס אִיז קְדוּשָׁה, כֶּתֶר, קְרִיאַת הַתּוֹרָה, וְכַדוֹמֶה; דָאס קֶען נָאר זַיין אַז מֶען הַאלְט דִי קִינְדֶער נֶעבְּן זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָבֶּער סְתַּם בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִין שׁוּל אוּן זֵיי לָאזְן אַרוּם ווילְדֶעוֶּועֶן - דָאס טָאר מֶען נִישְׁט.

אַז דַיינֶע קִינְדֶער הֶערְן נִישְׁט וָואס דוּ רֶעדְסְט - זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן אַ שְׁפְּרַאךְ וָואס רֶעדְט צוּ זֵיי; עֶס זֶענֶען דָא קִינְדֶער, וֶוען זֵיי זֶעעֶן נַאשׁ - דָאס רֶעדְט צוּ זֵיי, מֶען וַוייזְט זֵיי אַ נַאשׁ אוּן מֶען זָאגְט זֵיי "וֶוער עֶס זִיצְט שֵׁיין נֶעבְּן טַאטִי בַּאקוּמְט אַ גוּטֶע נַאשׁ"; אָדֶער מֶען שְׁמוּעֶסְט אָפּ אַז מֶען גֵייט גֵיין צוּ אַ פַּארְק - וֶוער עֶס הָאט כַּךְ וְכַךְ טִיקֶעטְס, אוּן אַזוֹי אִיז דָא אַסַאךְ וֶועגְן ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זֵיי מַרְגִיל זַיין צוּ דַאוֶּועֶנֶען אוּן צוּ זִיצְן מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, מֶען זָאגְט זֵיי "וֶוער עֶס וֶועט פָאלְגְן טַאטֶע מַאמֶע - וֶועט בַּאקוּמֶען אַ בֵּייק".

הַכְּלַל, סְתַּם בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער אִין שׁוּל אוּן זֵיי לָאזְן אוֹיף הֶפְקֵר - אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עַוְלָה, סַיי עֶס שְׁטֶערְט דָאס דַאוֶּועֶנֶען, אוּן עֶס קֶען פַּאסִירְן מִיט זֵיי אַן אוּמְגְלִיק חַס וְשָׁלוֹם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### וְוִי אַזוֹי וֶוערְט מֶען פָּטוּר פוּן אַ חַבֶר'טֶע וָואס פַּאלְט?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יִישַׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס, אִיךְ הָאבּ גֶעעֶנְדִיגְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם דִי וָואךְ נָאכְאַמָאל תְּהִלִים.

אִיךְ הָאבּ אַ חַבֶר'טֶע וָואס אִיךְ בִּין שׁוֹין גוּט מִיט אִיר פַאר דְרֵיי יָאר, זִי אִיז גֶעוֶּוען זֵייעֶר אַ וואוֹילֶע אוּן עֶרְלִיכֶע מֵיידְל, אָבֶּער לֶעצְטְנְס הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבְּן פַאלְן, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְלָאזְן אִין צְנִיעוּת, נָאכְ'ן אַרוֹיסְגֵיין פוּן סֶעמִינַאר טוּט זִי זִיךְ אָן קוּרְץ; אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט מִיט אִיר.

אִיךְ ווִיל נִישְׁט וֶוערְן נָאכְגֶעשְׁלֶעפְּט, אִיךְ ווִיל מֶער נִישְׁט זַיין אִיר חַבֶר'טֶע, אָבֶּער זִי

לָאזְט מִיר נִישְׁט אָפּ בְּשׁוּם אוֹפֶן. אִין סֶעמִינַאר לוֹיפְט זִי מִיר נָאךְ כְּסֵדֶר און בַּיינַאכְט רוּפְט זִי מִיר אֵיינְמָאל און נָאכְאַמָאל; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶועג וִוי אַזוֹי פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן אִיר.

אִיךְ הָאבּ אִיר גֶעזָאגְט אַז עֶס גֶעפֶעלְט מִיר נִישְׁט אִיר שְׁפְּרַאךְ, אָבֶער זִי הֶערְט נִישְׁט אוֹיף רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה. אִיךְ וֵוייס אַז דָאס אִיז אַ סַכָּנָה פַאר מִיר, אָבֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען אִיר אָפְּטְשֶׁעפֶּען פוּן מִיר.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט אַן עֵצָה.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**... תְּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

פַארְוָואס זוּכְט אִיר אַן עֵצָה פָּטוּר צוּ וֶוערְן פוּן אִיר? עֶנְדֶערְשׁ זוּכְט אַן עֵצָה וִויאַזוֹי אִיר צוּ מְחַזֵּק זַיין.

זַייט אָפְן מִיט אִיר, זָאגְט אִיר: ״אִיךְ ווִיל זַיין דַיין פְרַיינְט, אָבֶער אִיךְ רֶעד נִישְׁט קַיין נִיבּוּל פֶּה; עֶס אִיז נִישְׁט גוּט צוּ רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט פוּן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה, מֶען וֶוערְט נִישְׁט פְרֵיילִיךְ אַז מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה״.

אַז זִי לוֹיפְט אַייךְ נָאךְ, זִי ווִיל זַיין אַייעֶר פְרַיינְט - דַארְפְט אִיר פְּרוּבִּירְן רֶעדְן מִיט אִיר; מִן הַסְתָּם אִיז זִי גוּט צֶעבְּרָאכְן. נִיבּוּל פֶּה אִיז אַ סִימָן פוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, דִי אַלֶע קִינְדֶער וָואס הוֹיבְּן פְּלוּצְלוּנְג אָן רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה - דָאס וַוייזְט זֵייעֶר פְּנִימִיּוּת, אַז טִיף אִינֶעוֵוייניִג זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דֶערְבִּיטֶערְט, זֵיי רֶעדְן אַזוֹי וַוייל זֵיי מֵיינֶען אַז דָאס מַאכְט פְרֵיילִיךְ.

וַוייזְט פַאר אַייעֶר פְרַיינְט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי׳ן אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה:

(סִימָן א): ״מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִבּוּל פֶּה״, וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, ״בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן״, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז זַיין גַאנְצֶע הַארְץ אִיז פוּל מִיט שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת.

(סִימָן ב) : "עַל יְדֵי נִבּוּל פֶּה" אַז מֶען רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, "בָּא חֲנֻפָּה", קוּמְט מֶען צוּ חֲנוּפָה.

(סִימָן ג) : "בַּעֲוֹן נִבּוּל פֶּה", צוּלִיב דִי עֲבֵירָה פוּן נִיבּוּל פֶּה, "צָרוֹת וּגְזֵרוֹת מִתְחַדְּשׁוֹת", וֶוערְט בַּאנֵייט צָרוֹת אוּן עֶס קוּמֶען שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת, "וּבַחוּרֵי יִשְׂרָאֵל מֵתִים, חַס וְשָׁלוֹם", אִידִישֶׁע קִינְדֶער שְׁטַארְבְּן חַס וְשָׁלוֹם, "וִיתוֹמִים וְאַלְמָנוֹת צוֹעֲקִים וְאֵינָם נַעֲנִין", יְתוֹמִים אוּן אַלְמָנוֹת שְׁרֵייעֶן אוּן מֶען הֶערְט נִישְׁט צוּ זֵייעֶר גֶעשְׁרֵיי.

(סִימָן ד) : "הַמְנַבֵּל פִּיו", וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה, "אֲפִלּוּ חוֹתְמִין עָלָיו גְּזַר דִּין שֶׁל שִׁבְעִים שָׁנָה לְטוֹבָה", אֲפִילוּ מֶען הָאט אִים שׁוֹין אָפְּגֶעשְׁטֶעמְפְּלְט אַ גוּטֶע גְזֵירָה פַאר דִי קוּמֶענְדִיגֶע זִיבֶּעצִיג יָאר, "הוֹפְכִין עָלָיו לְרָעָה", דְרֵייְדְט מֶען דָאס אִיבֶּער אוֹיף שְׁלֶעכְט, "גַּם מַעֲמִיקִין לוֹ גֵּיהִנֹּם", אוֹיךְ מַאכְט מֶען אִים טִיפֶער זַיין גֵיהִנוֹם. "גַּם לַשּׁוֹמֵעַ", אוֹיךְ דֶער וָואס הֶערְט נִיבּוּל פֶּה "וְשׁוֹתֵק", אוּן עֶר שְׁוַוייגְט, בַּאקוּמְט דִי שְׁטְרָאפְן.

(סִימָן ה) : "חָמוּר הָאוֹמֵר בְּפִיו מִן הָעוֹשֶׂה מַעֲשֶׂה", עֶס אִיז אַן עֶרְגֶערֶע עֲבֵירָה צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס וִוי צוּ טוּן שְׁלֶעכְטְס.

וַוייזְט פַאר אַייעֶר פְרַיינְט דֶעם בְּרִיוו, וֶועט זִי זִיכֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן ; זִי וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן נִישְׁט צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס. אִיר שְׁרַייבְּט אַלֵיינְס אִינֶעם בְּרִיוו אַז זִי אִיז אַלְץ גֶעוֶוען אַ גוּט קִינְד, מִן הַסְתָּם דַארְף זִי חִיזוּק ; זַייט אִיר מְחַזֵק, זַייט אַייךְ אִינְאֵיינֶעם מְחַזֵק צוּ זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר גוּטֶע חַבֶרְ'טֶעס ; עֶס אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג גוּטֶע חַבֶרְ'טֶעס, וַוייל מִיט וֶועם מֶען דְרֵיידְט זִיךְ - אַזוֹי וֶוערְט מֶען, אַז מֶען הָאט חַבֶרְ'טֶעס וָואס רֶעדְן נִיבּוּל פֶּה קֶען מֶען אַלֵיינְס אַרַיינְפַאלְן אִין אַ טִיפֶע גְרוּבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ זִיךְ גֶטְ'ן, צוּ קֶענֶען הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער?

## שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ זִיךְ גֶעוָואלְט דוּרְכְרֶעדְן מִיטְ'ן רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיבֶּער אַ וִויכְטִיגֶע נוֹשֵׂא. אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט מַיין טַייעֶרֶע וַוייבּ אוּן מִיר הָאבְּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אֵיין קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר, אָבֶּער מַיין וַוייבּ וִויל בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער.

נָאכְדֶעם וָואס דָאס קִינְד אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אִיז מַיין וַוייבּ אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, אַ זַאךְ וָואס קֶען זִיךְ מַאכְן אֶפְּט, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן דֶעם, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי עֶס צוּ בַּאהַאנְדְלֶען, אוּן דָאס הָאט אוּנְז גֶעמַאכְט אַסַאךְ שָׁלוֹם בַּיִת פְּרָאבְּלֶעמֶען.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז זִי אִיז אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן דִי עַצְבוּת אוּן דֶעפְּרֶעסְיֶע, מִיר הָאבְּן זִיךְ מְסַדֵּר גֶעוֶוען, אָבֶּער זִי הָאט נָאכְאַלְץ שְׁטַארְקֶע פְּחָדִים פוּן הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער, וַוייל זִי הָאט מוֹרָא אַז עֶס וֶועט זִיךְ אִיבֶּערְשְׁפִּילְן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ נָאכְאַמָאל, אוּן אִיךְ וֶועל וִוידֶער נִישְׁט זַיין דָא פַאר אִיר.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק בְּרֶענְגֶען נָאךְ קִינְדֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דָאס הָאט מִיר גֶעמַאכְט טְרַאכְטְן פוּן זִיךְ גֶטְ'ן אוּן זוּכְן אַן אַנְדֶערֶע שִׁידוּךְ. אִיךְ בִּין אָבֶּער זֵייעֶר מְסוּפָּק אוֹיבּ דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע זַאךְ צוּ טוּן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר שׁוֹין גֶעשָׁאנְקֶען אֵיין קִינְד, אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ בְּלַייבְּן מִיט אִיר אוּן בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זִי זָאל זִיךְ טוֹישְׁן אוּן יָא וֶועלְן הָאבְּן נָאךְ קִינְדֶער.

אִיךְ וִויל בַּאטָאנֶען אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין פְּרוּבִּירְט פַאר כִּמְעַט דִי גַאנְצֶע זֶעקְס יָאר אִיר אִיבֶּערְצוּרֶעדְן, אָבֶּער אָן קַיין עֶרְפָאלְג. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעעֶפֶּנְט אַ תֵּיק (קֶעיס) בַּיי אַ רַבָּנִי'שֶׁע קֶערְפֶּערְשַׁאפְט אָנְצוּהוֹיבְּן דִי פְּרָאצֶעדוּר פוּן אַ גֶט, מִיר דַארְפְן אַרָאפְּגֵיין צוּ זֵיי קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ זִיךְ דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן, אָבֶּער אִיךְ בִּין זֵייעֶר מְסוּפָּק אוֹיבּ אִיךְ זָאל טַאקֶע וַוייטֶער גֵיין אוֹיף דֶעם וֶועג, אָדֶער זָאל אִיךְ פַארְמַאכְן דֶעם תֵּיק.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר וַוייזְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

יִיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶט זִיךְ נִישְׁט, קְלַאפּ אַרוֹיס פוּן דַיין קָאפּ דָאס וָוארְט "גֶט"; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן דוּ הָאסְט אַ קִינְד - אִיז נִישְׁטָא מֶער דִי וָוארְט "גֶט".

דוּ אַלֵיינְס שְׁרַייבְּסְט אַז דַיין וַוייבּ זָאגְט אוֹיף דִיר אַז דוּ הֶעלְפְּסְט אִיר נִישְׁט, זִי הָאט מוֹרָא פוּן קִינְדֶער וְכוּ׳, אַז זִי וֶועט אַרַיינְפַאלְן אִין אַ דֶעפְּרֶעשְׁן, זִי וֶועט זִיךְ אַלֵיינְס דַארְפְן מוּטְשֶׁען; אַנְשְׁטָאט רֶעדְן פוּן זִיךְ גֶטְ'ן - רֶעד מִיט אִיר שֵׁיינֶע וֶוערְטֶער, בַּארוּאִיג אִיר, הֶער אִיר אוֹיס, הֶער אוֹיס אִיר וֵוייטָאג. עַל פִּי רוֹב דַארְף מֶען אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין עֶנְטְפֶער אוֹיף אַ פְּרָאבְּלֶעם, מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן אֵיינֶער זָאל אוֹיסְהֶערְן דִי פְּרָאבְּלֶעם; וֶוען דִי פְּרוֹי הָאט אַ מַאן וָואס הֶערְט אִיר אוֹיס אוּן גֶעבְּט אִיר דִי גֶעפִיל אַז עֶר פַארְשְׁטֵייט אִיר - דָאס אַלֵיינְס אִיז דִי יְשׁוּעָה פַאר אִיר.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת קיח:) פְּרוֹיעֶן זָאגְן: "טַב לְמֵיתַב", עֶס אִיז זֵיי בֶּעסֶער, "טַן דוּ", צוּ זַיין מִיט אַ מַאן, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס פַאר אַ מַאן, אֲפִילוּ אַ מַאן - "דְשׁוּמְשְׁמָנָא גַּבְרָא", אַ פָּאנִי מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַ וָוארֶעם, אוּן אֲפִילוּ אַ מַאן - "דְנַפְּצָא גַּבְרָא", וָואס זַיין פַּרְנָסָה אִיז גָאר אַ שְׁוַואכֶע, אוּן אֲפִילוּ אַ מַאן - "דְקוּלְסָא גַּבְרָא", וָואס קוּמְט פוּן אַ שְׁוַואכֶע מִשְׁפָּחָה; אִיז זֵיי בֶּעסֶער צוּ זַיין חֲתוּנָה גֶעהַאט - "מִלְמֵיתַב אַרְמְלוּ", וִוי צוּ זַיין אֵיינֶער אַלֵיינְס; וַוייל אַז מֶען הָאט אֵיינֶער וָואס הֶערְט אוֹיס, אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, עֶר אִיז אַ קְלֵיינֶער וָוארֶעם, אוּן אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט וָואס צוּ הֶעלְפְן מִיט גֶעלְט, עֶר הָאט קוֹים פַּרְנָסָה, אוּן אֲפִילוּ עֶר קוּמְט פוּן אַ שְׁלֶעכְטֶע מִשְׁפָּחָה וָואס אִיז אֵיין שְׁטִיק פְּרָאבְּלֶעם - דָאךְ אִיז דָאס זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר אַ פְּרוֹי, צוּ הָאבְּן אֵיינֶער זָאל אִיר אוֹיסְהֶערְן.

מַאךְ זִיךְ נִישְׁט נַארִישׁ, פַארְמַאךְ דֶעם תִּיק, גֵיי אַהֵיים בֶּעט זִיךְ אִיבֶּער, מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ, בּוֹי אִיר אוֹיף, הוֹיבּ אִיר אוֹיף מִיט גוּטֶע וֶוערְטֶער, אוּן דֶער

**אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיר הֶעלְפְן דוּ וֶועסְט זֶען שֵׁיינֶע לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.**

...

## הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְגֶעסְן פוּן מִיר?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ נֶעם דִי קוּראַזְשׁ צוּ שְׁרַייבְּן דֶעם פָּאלְגֶנְדְן בְּרִיוו, כָאטְשׁ וָואס עֶס אִיז אֶפְשָׁר נִישְׁט שֵׁיין אוּן נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ זָאגְן וָואס אִיךְ טְרַאכְט, אָבֶּער דָאס אִיז דָאךְ גֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פַּארְוָואס אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, פַּארְוָואס אִיךְ הָאבּ גֶענוּמֶען דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פַאר מַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען רֶעדְן אוּן דֶערְצֵיילְן אָפְנְהַארְצִיג וָואס עֶס טוּט מִיר בֶּאֱמֶת וויי, וָואס עֶס שְׁטֶערְט מִיר אִין לֶעבְּן, אוּן אַזוֹי וֶועט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר קֶענֶען מְחַזֵק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דָאס אִיז וָואס הָאט מִיר גֶעפֶעלְט, אוּן פֶעלְט מִיר נָאכְאַלְץ, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט אַ טַאטֶע אָדֶער רַב מִיט וֶועמֶען אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אָפְּן דוּרְכְרֶעדְן וָואס לִיגְט מִיר אוֹיפְ'ן הַארְץ אוּן יֶענֶער זָאל מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן; נִישְׁט אַלֶעס פַארְדֶעקְן אוּן זִיךְ מַאכְן אַזוֹי ווִי אַלֶעס אִיז גוּט אוּן פֵיין.

אוּן יֶעצְט צוּם עִנְיָן; דִי חוֹבוֹת, אָרֶעמְקֵייט, נִישְׁט הָאבְּן גֶענוּג גֶעלְט אוּן פַּרְנָסָה, פִּירְט מִיר מַמָשׁ אַרָאפּ פוּן זִינֶען.

אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז דָאס דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז אַסַאךְ בְּלֶעטֶער גְמָרָא אוּן אַסַאךְ פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, סַיי אַ וָואךְ וָואס אִיךְ בִּין יָא מַעֲבִיר סֶדְרָה אוּן סַיי אַ וָואךְ וָואס אִיךְ בִּין נִישְׁט מַעֲבִיר סֶדְרָה הָאבּ אִיךְ סַיי ווִי אַלְץ נָאר שָׁאדְנְס אוּן חוֹבוֹת; אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען זִיךְ צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן, אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ זַיין נָאר הֵיילִיג - זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; אַרְבֶּעטְן אוֹיף קְדוּשַׁת הַבְּרִית, אַרְבֶּעטְן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְצוּרֶעגְן, אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף מוֹיל - זֶע אִיךְ נִישְׁט אַז עֶס זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה; נִישְׁט אַרָאפְּנֶעמֶען אָדֶער שְׁטִיצְן דִי בָּארְד, זֶעט מִיר אוֹיךְ נִישְׁט אוֹיס אַז עֶס זָאל מִיר בְּרֶענְגֶען צִינוֹרוֹת פוּן

פַּרְנָסָה; און רֶעדְן שֵׁיין צו די וַוייבּ, אִיר מְכַבֵּד זַיין, זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אִיר צו מַאכְן פְרֵיילִיךְ - בְּרֶענְגְט מִיר אוֹיךְ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה און עֲשִׁירוּת.

בַּיי מִיר גֵייט עֶס נָאר אַז אָדֶער גֵיי אִיךְ אַרוֹיס אַרְבֶּעטְן אַכְט נַיין שָׁעָה אַ טָאג, און דֶעמָאלְט לָאז אִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפּ מַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, און אֲפִילוּ דֶעמָאלְט וֶועל אִיךְ נִישְׁט הָאבְּן גֶענוּג גֶעלְט פַאר די טֶעגְלִיכֶע אוֹיסְגַאבְּן און צו צָאלְן חוֹבוֹת; אָדֶער זָאל אִיךְ וַוייטֶער זָאגְן תְּהִלִּים, מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן און דַאוֶוענֶען די דְרֵיי תְּפִלּוֹת וִוי עֶס דַארְף צו זַיין, אָבֶּער אוֹיךְ בְּלַייבְּן אָנְגֶעזֶעצְט און דֶעפְּרֶעסְט, אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע וֶוערְן, און וַוייטֶער אָן קַיין גֶעלְט אָנְצוּגֵיין; אַ לֶעבְּן וָואס אִיז מִיר בִּכְלַל נִישְׁט וֶוערְד.

וֶוען אִיךְ פַאל אַרַיין אִין דֶעם פְּלָאנְטֶער פוּן חוֹבוֹת, גֶעלְט און פַּרְנָסָה, אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם זַאךְ וָואס קֶען מִיר מַאכְן פְרֵיילִיךְ. וֶוען אִיךְ טְרַאכְט נָאר פוּן די שִׂמְחָה וָואס מִיר עֶרְווַארְטְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת, וֶוערְט מִיר נָאךְ בִּיטֶער אוֹיפְ'ן הַארְץ, עֶס וֶועט מִיר נָאךְ שְׁוֶוערֶער וֶוערְן מִיט פַּרְנָסָה; אִיךְ שְׁפִּיר מַמָּשׁ וִוי אִיךְ וֶוער מְשׁוּגָע, אִיךְ גֵיי אַרָאפּ פוּן זִינֶען, און אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶועג זִיךְ צו בַּארוּאִיגְן און וֶוערְן פְרֵיילִיךְ.

אִיךְ וֵוייס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט נִישְׁט קַיין צַייט צו מִיר, און אִיךְ פַארְשְׁטֵיי עֶס; וִוי עֶס זֶעט אָבֶּער אוֹיס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוֹיךְ נִישְׁט קַיין צַייט צו מִיר כִּבְיָכוֹל, צו גֶעבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח פַאר עֶפֶּעס אַ פַארְוָוארְפֶענֶער אִינְגֶערְמַאן; הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְגֶעסְן פוּן מִיר?

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן, מְחַזֵּק זַיין, און וַוייזְן אַ וֶועג אַרוֹיס פוּן מַיין פְּלָאנְטֶער.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

... פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט, ... בַּארוּאִיג זִיךְ; אַ אִיד טָאר נִישְׁט אַזוֹי שְׁרַייבְּן, חַס וְשָׁלוֹם זָאגְן אַז מִצְוֹת און מַעֲשִׂים טוֹבִים בְּרֶענְגֶען נִישְׁט קַיין גוּטְס.

וֶוען אַ אִיד טוּט מִצְוֹת - גֶעבְּט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גוּטְס; דַאוֶוענֶען

מִיט מִנְיָן בְּרֶענְגְט יָא פַּרְנָסָה, שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב בְּרֶענְגְט יָא פַּרְנָסָה, לֶערְנֶען גְמָרָא אוּן מִשְׁנָיוֹת בְּרֶענְגְט יָא פַּרְנָסָה, מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין שְׁנַיִם מִקְרָא וְאֶחָד תַּרְגוּם בְּרֶענְגְט יָא פַּרְנָסָה, נִישְׁט נָאר פַּרְנָסָה - נָאר אַלֶעס, מֶען לֶעבְּט אַ חַיִּים טוֹבִים. הִיטְן אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ בְּרֶענְגְט יָא פַּרְנָסָה, אוּן אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם מֶען אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית פַּארְלִירְט מֶען דִי פַּרְנָסָה. בָּארְד אוּן פֵּאוֹת בְּרֶענְגְט יָא פַּרְנָסָה, אוּן אוֹיבּ מֶען שְׁנַייְדְט דִי בָּארְד אוּן פֵּאוֹת שְׁנַייְדְט מֶען דִי פַּרְנָסָה. רֶעדְן שַׁיין צוּ דִי וַוייבּ בְּרֶענְגְט יָא פַּרְנָסָה, עֶס בְּרֶענְגְט עֲשִׁירוּת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא, נט.): "אוֹקִירוּ לִנְשַׁיְכוּ", זַייט מְכַבֵּד דִי וַוייבּ, "כִּי הֵיכִי דְּתִתְעַתְרוּ", אַזוֹי וֶועט אִיר רַייךְ וֶוערְן.

אַז עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אָנְהֶענְגֶען אִין דַיינֶע גוּטֶע מַעֲשִׂים, עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ זָאגְן (תְּהִלִּים כה, יח): "'רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי', הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער קוּק מַיין פַּיין, קוּק מַיין צַעַר, 'וְשָׂא לְכָל חַטֹּאותָי', אוּן זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף מַיינֶע זִינְד"; עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים (אַגְרָא דְפִּרְקָא, אוֹת קכד) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער אַ צָרָה זָאל עֶר זָאגְן דִי וֶוערְטֶער: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רְאֵה עָנְיִי וַעֲמָלִי, קוּק צוּ מַיין פַּיין, מַיין פְּלָאג; אִיךְ בִּין אַזוֹי צֶעקְוֶועטְשְׁט, אִיךְ בִּין אַזוֹי אִין צַעַר, וְשָׂא לְכָל חַטֹּאותָי אוּן פַארְגֶעבּ מִיר מַיינֶע זִינְד, אִיךְ זָאל נִישְׁט דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיבְן אִין הִימְל פַּיין פוּן גֵיהִנּוֹם".

מוֹהֲרָא"ש הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה, וָואס עַד הַיּוֹם לֶעבּ אִיךְ מִיט דִי מַעֲשֶׂה; דָאס בַּאגְלֵייט מִיר אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, אִיךְ טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג פוּן דִי מַעֲשֶׂה.

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק, דֶער רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע דַחְקוּת, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ עֶסְן, נִישְׁט גֶעהַאט וָואס צוּ נֶעמֶען אִין מוֹיל; בְּנוֹסָף לָזֶה הָאט עֶר גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע פְרוֹי, זִי הָאט אִים גֶעגֶעסְן דִי קִישְׁקֶעס, זִי הָאט אִים נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ עֶסְן מִיט שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער; טָאג אוּן נַאכְט הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט שְׁלֶעכְטֶע וֶוערְטֶער. אֵיין טָאג אִיז דֶער צַדִּיק גֶעוֶוען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן בַּיי זִיךְ, עֶר הָאט גֶעשְׁפִּירְט וִוי עֶר קֶען מֶער נִישְׁט, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אִים גֶעבְּן אַבִּיסְל וַוארֶעמְקֵייט, אַבִּיסְל לִיבְּשַׁאפְט, עֶר קֶען מֶער נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֵיין אֵיינֶער אַלֵיינְס.

עֶר אִיז אַיינְגֶעשְׁלָאפְן, אוּן עֶר חָלוֹמְ'ט זִיךְ וִוי זַיין נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף אוֹיבְן אִין הִימְל אִין דִי עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים, מֶען פִירְט אִים אַרִיבֶּער דִי בְּרֶענֶעדִיגֶע גֵיהִנוֹם אוּן עֶר זֶעט וִוי דִי נְשָׁמוֹת פוּן דִי רְשָׁעִים פַּיינִיגְן זִיךְ, דָארְט הֶערְט מֶען קוֹלוֹת, עֶס טוּט זִיךְ אַ גֶעשְׁרֵיי. דֶער צַדִיק, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זוּשָׁא הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּקוּקְן, פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט צוּ פְלִיעֶן אַ מַלְאָךְ אוּן זָאגְט אִים: "זוּשָׁא דָאס אִיז נִישְׁט פַאר דִיר, דוּ הָאסְט אַ שְׁוֶועֶרֶע וַוייבּ אוּן אָרֶעמְקֵייט, דָאס אִיז שוֹין גֶענוּג; פַאר דִיר אִיז אָנְגֶעגְרֵייט אַ פְּלַאץ אִין גַן עֵדֶן וָואס (יְשַׁעְיָה סד, ג) 'עַיִן לֹא רָאָתָה אֱלֹקִים זוּלָתְךָ'".

וֶוען רֶבִּי זוּשָׁא הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן טַאנְצְן, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'זָאל מַיין וַוייבּ מִיר גֶעבְּן וִויפִיל בִּזְיוֹנוֹת עֶס גֵייט, זָאל מִיר אַלֶעס גֵיין שְׁוֶוער - פָּארְט וִויל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט טוֹישְׁן מִיט דִי צַעַר פוּן גֵיהִנוֹם'.

טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, אַז עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער - זָאלְסְטוּ נִישְׁט אָפְּלָאזְן דַיין דַאוֶונֶען, לֶערְנֶען אוּן גוּטֶע מַעֲשִׂים. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ה:) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע טֶעג אוּן עֶר אִיז נִישְׁט מְבַטֵל תּוֹרָה וּתְפִלָּה - דָאס אִיז יְסוּרִים שֶׁל אַהֲבָה, דָאס אִיז אַ מִזְבַּח כַּפָּרָה. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (שָׁם) רַב הוּנָא הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע שָׁאדְן, עֶס אִיז אִים פַארְדָארְבְּן גֶעוָוארְן פִיר הוּנְדֶערְט פֶעסֶער וַויין, זֶענֶען דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים אִים גֶעגַאנְגֶען בַּאזוּכְן אוּן אִים מְחַזֵק זַיין, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "לְעַיֵין מַר בְּמִילֵיהּ", עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, וֶועט עֶר צוּרִיק רַייךְ וֶוערְן, הָאט רַב הוּנָא גֶעפְרֶעגְט דִי חֲכָמִים: "מִי חֲשִׁידְנָא בְּעֵינֵייכוּ", אִיר זֶענְט מִיר חוֹשֵׁד אוֹיף נִישְׁט גוּטֶע מַעֲשִׂים? הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וּמִי חָשִׁיד קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא דְּעָבִיד דִּינָא בְּלֹא דִינָא", אִיז דֶען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער חָשׁוּד אַז עֶר בְּרֶענְגְט אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ שְׁלֶעכְטֶס אוּמְזִיסְט?

זַיי וַוייטֶער שְׁטַארְק צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, זַיי שְׁטַארְק מִיט מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין אוּן לֶערְנֶען מִשְׁנָיוֹת, זֵיי וַוייטֶער שְׁטַארְק מִיט שְׁמִירַת הַבְּרִית אוּן

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין וַוייבּ, רֶעד שֵׁיין צוּ אִיר - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ פַּרְנָסָה בְּרֵיוַח.

לֵייג אַוֶועק דַיין שְׁאֵלָה אוּן וַוארְט אוֹיף דִי יְשׁוּעָה, וֶועסְטוּ קֶענֶען טוּן וָואס אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעטוּן וֶוען עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן פַאר אַלֶעמֶען: "נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט מֶען פַּרְנָסָה", "נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט מֶען לֶעבְּן", אוּן מֶען הָאט גֶעלַאכְט פוּן אִים, מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "ווָאוּ אִיז דַיין גֶעלְט...?" עֶר הָאט גֶעדַארְפְט בָּארְגְן פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם, אָבֶּער עֶר אִיז וַוייטֶער גֶעבְּלִיבְּן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן (בְּרֵאשִׁית יח, לג): "וְאַבְרָהָם שָׁב לִמְקֹמוֹ", אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

נָאכְדֶעם שְׁטֵייט (בְּרֵאשִׁית יג, ג): "וַיֵּלֶךְ לְמַסָּעָיו", זָאגְן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרֵאשִׁית רַבָּה מא, ג): "הָלַךְ לִפְרֹעַ הַקָּפוֹתָיו", עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען בַּאצָאלְן יֶעדְן אֵיינֶעם; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער חֲתַם סוֹפֵר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (חֲתַם סוֹפֵר עַל הַתּוֹרָה פַּרְשַׁת לֶךְ לְךָ, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל וַיֵּלֶךְ) חֲזַ"ל זָאגְן אוּנְז דָא, אַז נִישְׁט נָאר עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען בַּאצָאלְן זַיינֶע חוֹבוֹת, נָאר ווָאוּ אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעוֶוען הָאט עֶר צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם גֶערֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן וֶוער עֶס דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט גֶעלְט, אַלֶע הָאבְּן גֶעלַאכְט פוּן אִים: "ווָאוּ אִיז דַיין גֶעלְט? וָואס רֶעדְסְטוּ אִין דִי לוּפְט וְכוּ'?!" אוֹיפְ'ן וֶועג אַהֵיים הָאט עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעוִויזְן זַיין רַייכְטוּם, הָאבְּן אַלֶע גֶעזֶען אַז נָאר וֶוער עֶס דִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט אַ לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

## אַ מְחַיֶ׳, אִיךְ הָאב אַ קַאפְּל

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ב סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן**
**לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ טַאנְצְט יֶעדְן טָאג אַ טֶענְצְל אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, דוּ בִּיסְט מְחַיֶ׳ אִידִישֶׁע קִינְדֶער בְּכָל קַצְוֵי תֵּבֵל, אִיךְ בִּין מְקַנֵא דַיינֶע זְכוּתִים. אִיךְ וֵויים נִישְׁט וִויפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זוֹכֶה צוּ וָואס דוּ בִּיסְט זוֹכֶה, דוּ בִּיסְט מְגַלֶּה וּמְפַרְסֵם דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא שְׁטַארְקֵייט, דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס דוּ דְרוּקְסְט אִיז מְחַיֶ׳ יֶעדְן אֵיינֶעם, יוּנְג אוּן אַלְט; מֶענְטְשְׁן בַּאקוּמֶען פוּן דֶעם לוּפְט צוּ אָטֶעמֶען, וואוֹיל אִיז דִיר אוּן וואוֹיל אִיז דַיין חֵלֶק.

דָא שִׁיק אִיךְ דִיר אַ מַעֲשֶׂה פַאר דִי ״עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַאר קִינְדֶער״, דִי מַעֲשֶׂה הֵייסְט ״אַה מְחַיֶ׳ קַאפְּל, אַה מְחַיֶ׳ אִיךְ הָאב אַ קַאפְּל״.

מַאךְ אַ בִּילְד וִוי אַ פְרוֹי נֵייט אַ קַאפְּל; בֶּעט דֶעם מֶעלֶער עֶר זָאל אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין קַטְנוּת הַדַעַת, עֶר מָאלְט אַזוֹי קְלֵיין; וַוייז אִים דִי בִּילְדֶער פוּן דִי ״דֶערְצֵיילוּנְגֶען פוּן צַדִיקִים״, שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע פֶּנִימְ׳עֶר, שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע לוּפְטִיגֶע בִּילְדֶער; הַלְוַאי זָאל עֶר קֶענֶען מַאכְן אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע בַּא׳טַעֲמְ׳טֶע בִּילְדֶער.

בֶּעט אִים אַ בִּילְד פַאר דִי מַעֲשֶׂה, וִוי אַ פְרוֹי אָנְגֶעטוּן מִיט אַ טִיכְל (גֶעבִּינְדְן אַזוֹי וִוי מֶען גֵייט בַּיי אוּנְז) - שְׁטְרִיקְט אַ קַאפְּל; אִין בֵּיידֶע הֶענְט הַאלְט זִי אַ גְרוֹיסֶע נָאדְל, מִיט אַ פֶּעקְל שְׁטְרִיק אוּן זִי מַאכְט אַ שֵׁיינֶע גְרוֹיסֶע

קַאפְּל, אִין דִי צַייט זָאל מֶען זֶען אַ ווִיגֶעלֶע וואו עֶס לִיגְט אַ קִינְד אָנְגֶעטוּן מִיט אַ קַאפְּל.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוער וֵוייסְט ווִי אַזוֹי דִי מַאמֶע פוּן רֶבִּי'ן הָאט גֶעהֵייסְן?

פֵּיגֶא! פֵּיגֶא אִיז גֶעוֶוען אַ טָאכְטֶער פוּן דִי גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אָדֶל, דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס טָאכְטֶער.

פֵּיגֶא אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת, זִי הָאט גֶעוָואלְט אִירֶע קִינְדֶער זָאלְן מוֹרָא הָאבְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן לֶעבְן מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער, זֵיי זָאלְן הָאבְן יִרְאַת שָׁמַיִם, דֶערְפַאר הָאט זִי גֶעשְׁטְרִיקְט אַ קַאפְּל פַאר אִיר קִינְד נָאךְ אֵיידֶער עֶר אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, וַוייל זִי הָאט גֶעוָואלְט גְלַייךְ וֶוען אִיר קִינְד וֶועט גֶעבּוֹירְן וֶוערְן - אִים קֶענֶען אָנְטוּן אַ קַאפְּל, וַוייל אַ קַאפְּל בְּרֶענְגְט יִרְאַת שָׁמַיִם.

אַ לַאנְגֶע צַייט הָאט פֵּיגֶא גֶעשְׁטְרִיקְט אַ שֵׁיינֶעם קַאפְּל; זִי פְלֶעגְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער קִינְד וָואס גֵייט גֶעבּוֹירְן וֶוערְן זָאל אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אוּן וֶוען דֶער קִינְד אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן הָאט זִי אִים גְלַייךְ אָנְגֶעטוּן מִיט דִי שֵׁיינֶע קַאפֶּעלֶע, אוּן דָאס קִינְד אִיז אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

דֶערְפַאר וֶוען מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּזְכוּת דֶעם רֶבִּי'ן - דֶערְמַאנֶען מִיר דָאס מִיט זַיין מַאמֶע'ס נָאמֶען, מִיר זָאגְן "בִּזְכוּת רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵּיגֶא", בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אוּנְז בִּזְכוּת דֶעם צַדִיק רַבֵּינוּ נַחְמָן אַ זוּן פוּן פֵּיגֶא; וַוייל זִי הָאט אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין אִים יִרְאַת שָׁמַיִם בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶוען מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ, מֶען לוֹיפְט, מֶען שְׁפְּרִינְגְט אוּן מֶען טַאנְצְט - אַסַאךְ מָאל פַאלְט אַרָאפּ דִי קַאפְּל פוּן קָאפּ; וָואס טוּט אַן עֶרְלִיכֶער אִינְגְל? מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ גְלַייךְ אָפּ, מֶען גֵייט נִישְׁט וַוייטֶער שְׁפִּילְן - בִּיז מֶען טוּט אָן דִי קַאפְּל, אוּן אַז דִי קַאפְּל פְלִיט אַוֶועק - דֶעקְט מֶען זִיךְ צוּ דֶעם קָאפּ מִיט דִי הֶעמְד; אַ אִיד טָאר נִישְׁט גֵיין מִיט אַ בְּלוֹיזֶע קָאפּ אֲפִילוּ פַאר אֵיין סֶעקוּנְדֶע.

לָאמִיר אִינְאֵיינֶעם זִינְגֶען: "אַה מְחַיֶי' קַאפְּל! אַה מְחַיֶי' אִיךְ הָאבּ אַ קַאפְּל! שְׁכֹּחַ בַּאשֶׁעפֶער אַז אִיךְ גֵיי מִיט אַ קַאפְּל, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל אֵייבִּיג

גֵיין מִיט דִי קַאפְּל, נִישְׁט פַארְגֶעסְן אָנְצוּטוּן דִי קַאפְּל און זִיךְ אֵייבִּיג פְרֵייעֶן מִיט דִי קַאפְּל!"

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ קִינְד פוּן זֶעקְס און אַ הַאלְבּ יָאר זָאל עֶנְדִיגְן תְּהִלִּים?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קֹרַח, עֶרֶב רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק
... תְּחִיֶ', טְבֶרְיָ'

אַייעֶר טַאטֶע הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַז אִיר זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים און אִיר הָאט מְסַיֵּים גֶעוֶועְן דִי עֶרְשְׁטֶע מָאל גַאנְץ סֵפֶר תְּהִלִּים; דָאס אִיז עֶפֶּעס וָואס מֶען הֶערְט נִישְׁט בַּיי אַנְדֶערֶע, אַ קִינְד פוּן זֶעקְס און אַ הַאלְבּ יָאר זָאל זָאגְן תְּהִלִּים און זוֹכֶה זַיין צוּ מַאכְן אַ סִיוּם; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ פְרֵיילִיכֶע זַאךְ!

הוֹיבְּט אָן נָאכְאַמָאל תְּהִלִּים; אַייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן זָאלְט אִיר זָאגְן תְּהִלִּים, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַייךְ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

...

### מֶען דארְף דַאוֶועְנֶען מִיט הַכְנָעָה און דֶרֶךְ אֶרֶץ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק
לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

דַאנְק און לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין קִינְד אִיז גֶעזוּנְט, פַארְגֶעס נִישְׁט דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּן מִיט דִיר; פַארְגֶעס נִישְׁט וִוי פַארְלוֹירְן דוּ און דַיין וַוייבּ זֶענֶען גֶעוֶועְן, וִוי שְׁטַארְק אִיר הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט און וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעהָאלְפְן.

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט קוּמֶען דַאוֶועְנֶען דִי דְרַיי תְּפִילּוֹת, שַׁחֲרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ; וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל דַארְף מֶען קוּמֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, אָנְגֶעטוּן מִיט אַ הוּט און רֶעקְל, אַבִּיסְל רֶעסְפֶּעקְט פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הוֹיז. בַּיי דִי אַרְבֶּעט און וֶוען דוּ בִּיסְט בַּאשֶׁעפְטִיגְט אִין דַיינֶע

זַאכְן, דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ גֵיין וִוי אַזוֹי דוּ גֵייסְט, אָבֶּער וֶוען מֶען קוּמְט אִין שׁוּל, דַארְף מֶען קוּמֶען מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ מְקַבֵּל זַיין נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוְוענֶען; מֶען דַארְף דָאךְ אַזוֹיפִיל רַחֲמֵי שָׁמַיִם אוֹיף טְרִיט אוּן שְׁרִיט, מֶען וֵוייסְט דֶען וָואס גֵייט זַיין דִי קוּמֶענְדִיגֶע סֶעקוּנְדֶע מִיט זִיךְ, מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער? דַארְף מֶען דַאוְוענֶען מִיט הַכְנָעָה, מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ.

אִיךְ הָאף דוּ וֶועסְט דָאס אַלֶעס מְקַיֵּים זַיין.

לֵיין אִיבֶּער דֶעם בְּרִיוו יֶעדֶע וָואךְ.

...

## דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען גְרוֹיס, אָבֶּער דֶער רֶבִּי אִיז גְרֶעסֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

חֲזַק וֶאֱמָץ! אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, שְׁטַארְק זִיךְ; אֲפִילוּ עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער, דוּ וֶועְרסְט פַּארְבְּרֶענְט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, דוּ פַאלְסְט וְכוּ׳ - דָאךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ צוּבִּינְדְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן. גְלֵייבּ אִין רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן קיב) אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט טוּן שְׁלֶעכְטְס, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט מְתַקֵּן זַיין.

דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, דִי נִסְיוֹנוֹת זֶענֶען זֵייעֶר גְרוֹיס, אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גְרֶעסֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: ״אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּי׳ן וֶועט אַלֶעס מְתַקֵּן זַיין״.

זָאג וַוייטֶער ח״י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת יֶעדְן טָאג, אוֹיךְ לֶערְן דַפִּים גְמָרָא, סֵפֶר הַתִּקּוּנִים אוּן לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן. מִי יִתֵּן זָאלְסְט מְסַיֵּים זַיין יֶעדְן חוֹדֶשׁ דִי דְרֵיי סְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים: ״שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, תִּיקוּנֵי זוֹהַר אוּן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן״ - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין אַלֶעס צוּ מְתַקֵּן זַיין אוּן טְרֶעפְן דַיין זִיווּג בְּקָרוֹב.

...

### זָאגְן אַ װֶערְטְל אֵיידֶער מֶען הוֹיבְּט אָן דֶעם שִׁיעוּר

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם**

דֶער גַבְּאַי ... נֵרוֹ יָאִיר שְׁרַייבְּט מִיר אַז דוּ הָאסְט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ פְּרִישְׁקֵייט אִין שׁוּל, דוּ לֶערְנְסְט פָאר דֶעם בְּלַאט גְמָרָא יֶעדֶע נַאכְט אִין שׁוּל.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ דָאס צוּ הֶערְן, דָאס אִיז דָאךְ גֶעוֶועְן מוֹהֲרַא״שְׁ׳ס רָצוֹן; אִין יֶעדֶע שׁוּל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ זָאל זַיין שִׁיעוּרִים אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, בִּפְרַט אִינֶעם בְּלַאט גְמָרָא.

לֵיין דִי בְּרִיוו פוּן דִי לֶעצְטֶערֶע יָארְן וָואס מוֹהֲרָא״שׁ שְׁרַייבְּט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִין יַבְנְאֵל; נִישְׁטָא קַיין בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא״שׁ זָאל נִישְׁט שְׁרַייבְּן פוּנֶעם בְּלַאט גְמָרָא, וְוִי מוֹהֲרָא״שׁ גְרוּיסְט זִיךְ אַז אִין יַבְנְאֵל אִיז דָא אַפָּאר שִׁיעוּרִים אִינֶעם דַף. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ הֶערְן פוּן מוֹהֲרָא״שׁ אָן אַ שִׁיעוּר מָאל וְוִי עֶר הָאט זִיךְ בַּארוּמְט מִיט זַיין שְׁטָאט יַבְנְאֵל אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם דַף.

גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב אִיז אוֹיךְ דָא שִׁיעוּרִים אִינֶעם דַף גְמָרָא, אוֹיךְ אִין יְשִׁיבָה לֶערְן אִיךְ פָאר דֶעם דַף; דָאס אִיז בַּיי מִיר דָאס חָשׁוּבְ׳סְטֶע זַאךְ, אֲפִילוּ אִין דִי פַארְנוּמֶענְסְטֶע טֶעג בִּין אִיךְ נִישְׁט מְוַתֵּר אוֹיף דֶעם שִׁיעוּר.

אוֹיךְ מַיין זוּן הָרַב אֶלְחָנָן חַיִּים לֶערְנְט פָאר דֶעם דַף יֶעדֶע נַאכְט. עֶר אִיז מְקַיֵּים וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (שַׁבָּת ל:): ״רַבָּה, מִקַּמֵּי דְּפָתַח לְהוּ לְרַבָּנָן, אָמַר מִילְּתָא דִבְדִיחוּתָא וּבָדְחֵי רַבָּנָן״, פַארְ׳ן לֶערְנֶען הָאט רַבָּה גֶעמַאכְט אַ וֶוערְטְל צוּ עֶפֶענֶען דִי הֶערְצֶער; עֶר מַאכְט אַ וֶוערְטְל בְּהֶכְשֵׁר פוּנֶעם רֶבִּי׳ן, עַל פִּי דִי תְּנָאִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז נָאר אוֹיף דֶעם אוֹפֶן קֶען מֶען זָאגְן וֶוערְטְלֶעךְ, מִיט דִי פָאלְגֶענְדֶע דְרֵיי תְּנָאִים: ״אָן קַיין נִיבּוּל פֶּה, נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֵייטְנְ׳ס חֶשְׁבּוֹן אוּן מֶען זָאל נִישְׁט מֵיינֶען זִיךְ״; אַזוֹי וֶוערְט מֶען פְרֵיילִיךְ, דִי קָאפּ עֶפְנְט זִיךְ, הַאלְט מֶען מִיט; דוּ טוּ אוֹיךְ אַזוֹי.

...

## טוּן חֶסֶד אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק מָרַת ... תְּחִיֶ' בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

עֶרְשְׁטְנְס ווילְן מִיר אַייךְ בַּאדַאנְקֶען בְּשֵׁם כָּל הַקָּהָל הַקוֹדֶשׁ הַזֶּה אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע מִצְוָה וָואס אִיר הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען פוּן וֶוען דִי שְׁטֶעטְל הָאט זִיךְ גֶעגְרִינְדֶעט, צוּ הֶעלְפְן מִשְׁפָּחוֹת בְּעֵת שִׂמְחָתָם; זֵיי בְּרֶענְגֶען סְעוּדוֹת שַׁבָּת אוּן נַאכְטְמָאל.

אִין אָנְהוֹיבּ אִיז דִי שְׁטֶעטְל בַּאשְׁטַאנֶען פוּן גֶעצֵיילְטֶע מִשְׁפָּחוֹת, אִיז דָאס גֶעוֶוען גְרִינְגֶער, הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא קָרוֹב צוּ הוּנְדֶערְט מִשְׁפָּחוֹת - אִיז דָאס אַ שְׁוֶוערֶע אוּנְטֶערְנֶעמוּנְג, דָאךְ טוּט אִיר דָאס וַוייטֶער מִיט דִי גַאנְצֶע הַארְץ; אִיר אָרַאנְזְשִׁירְט פוּן אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת וֶוער עֶס קֶען צוּשְׁטֶעלְן נַאכְטְמָאל אוּן סְעוּדוֹת שַׁבָּת, מְחַיֶ' צוּ זַיין אוֹיסְגֶעמַאטֶערְטֶע אִידִישֶׁע מַאמֶעס, קִימְפֶּעטָארִינְס.

וֶוערְט נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט וֶוען מֶענְטְשְׁן הָאבְּן טַעֲנוֹת, מוֹהֲרַא"שׁ פְּלֶעגְט אַלְץ זָאגְן דִי וָוארְט וָואס דִי וֶועלְט זָאגְט: "אַז דוּ ווילְסְט נִישְׁט מֶען זָאל הָאבְּן טַעֲנוֹת אוֹיף דִיר - טוּ גָארְנִישְׁט"; אַלְץ וֶועט זַיין טַעֲנוֹת, מֶען דַארְף דָאס קֶענֶען אַרָאפְּשְׁלִינְגֶען אוּן טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

יֶעצְט וֶוען עֶס קוּמְט דִי זוּמֶער סֶעזָאן אוּן עֶס קוּמֶען צוּ גֵיין מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פוּן אִיבֶּערָאל, אוּן עֶס זֶענֶען שׁוֹין דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס בֶּעטְן מֶען זָאל זֵיי אִינְזִין הָאבְּן בְּעֵת שִׂמְחָתָם - זָאלְט אִיר זֵיי אַוַדַאי הֶעלְפְן. נְקוּט הַאי כְּלָלָא, גֶעדֶענְקְט דֶעם כְּלַל, אַז אֵיינֶער בֶּעט הִילְף - דַארְף מֶען יֶענֶעם הֶעלְפְן.

אוּנְזֶער קְהִילָה שְׁטֵייט אוֹיף חֶסֶד, מִיר טוּעֶן חֶסֶד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם; וֶוען מֶען טוּט פַאר אַ פְרֶעמְדְן - דָאס אִיז אֱמֶתְ'עֶ חֶסֶד. עֶס אִיז דָא אֵיינֶע פוּן דִי נִישְׁט כָּשֶׁרְ'עֶ פֵייגְלֶעךְ מִיטְ'ן נָאמֶען "חֲסִידָה" (וַיִּקְרָא יא, יט), פַארְוָואס הָאט דִי פֵייגֶל אַזַא שֵׁיינֶע נָאמֶען, אַ נָאמֶען פוּן גוּטְסְקֵייט, הַחֲסִידָה? וַוייל דִי פֵייגֶל טוּט שְׁטֶענְדִיג חֶסֶד מִיט אִירֶע חַבֶרְ'טֶעס - דֶערְפַאר הָאט זִי בַּאקוּמֶען אַזַא שֵׁיינֶע נָאמֶען "חֲסִידָה"; שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, נוּ פַארְוָואס אִיז דָאס אַ טָמֵאְ'נֶע פֵייגֶל? אַזַא פֵייגֶל וָואלְט וֶוען גֶעדַארְפְט זַיין פוּן דִי טָהוֹרְ'עֶ! וַוייל

זי טוט טַאקֶע חֶסֶד, אָבֶּער זי טוט נָאר פַאר אִירֶע פְרַיינְט, דָאס אִיז נִישְׁט קַיין טָהוֹר'עֶ פֵייגֶל; אַ סִימָן פוּן כָּשֵׁר אִיז טוּן חֶסֶד מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם.

אִיךְ שְׁרַייבּ אַייךְ דָאס וַוייל אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אִין אַייעֶר נָאמֶען וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן וֶוען מֶענְטְשְׁן זָאגְן אַייךְ אָפּ וֶוען אִיר בֶּעט צוּ מַאכְן עֶסְן פַאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס זֶענֶען נִישְׁט קַיין אַיינְוואוֹינֶער, דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ וָואס אִיז רִיכְטִיג.

אִיךְ טְרַאכְט, דָאס בֶּעסְטֶע וָואלְט גֶעוֶוען וֶוען דִי מִשְׁפָּחוֹת זָאלְן נִישְׁט וִויסְן פַאר וֶועם זֵיי מַאכְן. זַייט מוֹדִיעַ פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת אַז פוּן הַיינְט און וַוייטֶער, וֶוער עֶס ווִיל הֶעלְפְן טוּן חֶסֶד זָאל זִיךְ אַיינְשְׁרַייבְּן בַּיי אַייךְ, און וֶוען אֵיינֶער רוּפְט אַרַיין בֶּעטְן הִילְף בְּעֵת שִׂמְחָתָם און אִיר פַארְשְׁטֵייט אַז יֶענֶער דַארְף טַאקֶע הִילְף - וֶועט אִיר בֶּעטְן דִי וַואלֶענְטִירְן אָן דֶעם וָואס זֵיי זָאלְן וִויסְן וֶוער, וָואס און פַארְוֶועם, אַזוֹי וֶועט נִישְׁט זַיין קַיין מְדַבְּרִים.

הֶערְט אַ שֵׁיינֶע מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (הוּבָא בְּדִבְרֵי תּוֹרָה חֵלֶק ח, אוֹת כט). דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב פְלֶעגְט הָאבְּן אַ לִיסְטֶע פוּן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים, אָרֶעמֶעלַייט, פַאר וֶועם עֶר פְלֶעגְט גֶעבְּן צְדָקָה וֶועכְנְטְלִיךְ. אַמָאל פַאר יוֹם טוֹב פֶּסַח הָאט דִי רֶעבֶּעצִין גֶעוָואלְט קוֹיפְן אַ גְרוֹיסֶע פֶּעטֶע אִינְדִיק לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, עֶס אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען זֵייעֶר טֵייעֶר, הָאט זִי דָאס נִישְׁט גֶעקוֹיפְט, נָאכְדֶעם הָאט זִי זִיךְ בַּארֶעכְנְט אַז עֶס אִיז יָא וֶוערְד, אִיז זִי צוּרִיק צוּם גֶעשֶׁעפְט קוֹיפְן דִי אִינְדִיק. וֶוען זִי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט מֶען אִיר גֶעזָאגְט אַז דִי וַוייבּ פוּנֶעם אָרֶעמַאן הָאט דָאס שׁוֹין גֶעקוֹיפְט, וֶוען דִי רֶעבֶּעצִין הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז זִי אַרַיין צוּם הֵיילִיגְן צַאנְזֶער רָב און דֶערְצֵיילְט וָואס דָא גֵייט פָּאר, דֶער אִיד נֶעמְט פוּן צְדָקָה און עֶר קוֹיפְט זִיךְ טֵייעֶרֶע פְלֵייש! וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, אַז זֵיי עֶסְן אִינְדִיק, טֵייעֶרֶע פְלֵייש, דַארְפְן זֵיי דָאךְ מֶער גֶעלְט; פוּן הַיינְט וֶועל אִיךְ זֵיי גֶעבְן טָאפְּלְט יֶעדֶע וָואךְ".

דֶער הֵיילִיגֶער מִנְחַת אֶלְעָזָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בְּרֶענְגְט דִי מַעֲשֶׂה און צֵייכְנְט צוּ אַז דָאס אִיז אַ מַעֲשֶׂה פוּן חֲזַ"ל (יְרוּשַׁלְמִי פֵּאָה ח, ח): "אַבָּא בַּר אַבָּא יָהֵב לִשְׁמוּאֵל בְּרֵיהּ פְּרִיטִין", דֶער צַדִיק אַבָּא הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר זַיין זוּן

שְׁמוּאֵל גֶעלְט, "דִיהָא פָּלִיג לְמִסְכֵּינַיָּא", עֶר זָאל דָאס צֶעטֵיילְן פַאר אָרֶעמֶעלַייט, "נָפַק", וֶוען שְׁמוּאֵל אִיז אַרוֹיס טֵיילְן צְדָקָה, "וְאַשְׁכַּח חַד מִסְכֵּן", הָאט עֶר גֶעזֶען אֵיינֶע פוּן דִי אָרֶעמֶעלַייט, "אָכַל קִיפַּר", וִוי עֶר עֶסְט פְלֵייש, "וְשָׁתֵי חַמַּר", אוּן עֶר טְרִינְקְט וַויין, "עָאל וְאָמַר קוּמוֹי אֲבוֹי", אִיז עֶר גֶעלָאפְן דֶערְצֵיילְן פַאר זַיין טַאטֶע, אַז מֶען זָאל אִים נִישְׁט גֶעבְּן מֶער קַיין צְדָקָה, "אֲמַר לֵיהּ", הָאט דֶער טַאטֶע אִים גֶעזָאגְט, "הַב לֵיהּ יַתִּיר דְּנַפְשֵׁיהּ מָרְתִי", פוּן הַיינְט גֶעבּ אִים מֶער וַוייל עֶר דַארְף מֶער.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס אַז דִי נַאטוּר פוּן מֶענְטְשְׁן אִיז צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְט, מֶען פַארְשְׁטֵייט אַז אוֹיבּ אֵיינֶער נֶעמְט צְדָקָה - טָאר יֶענֶער שׁוֹין מֶער נִישְׁט לֶעבְּן; דֶערִיבֶּער אִיז בֶּעסֶער אַז דִי וָואס גֶעבְּן צְדָקָה זָאלְן נִישְׁט ווִיסְן וֶוער עֶס נֶעמְט. צְוֵייטְנְס, וִוי אַזוֹי דִי תּוֹרָה קוּקְט אָן דִי זַאךְ, וִוי אַזוֹי צַדִיקִים קוּקְן אוֹיף דִי זַאךְ; אַז יֶענֶער דַארְף מֶער - גֶעבּ אִים מֶער.

אִין שְׁטֶעטְל הָאבְּן מִיר גַבָּאִים וָואס נֶעמֶען צוּזַאם גֶעלְט פַאר מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן נִישְׁט צוּ צָאלְן אִין גְרָאסֶערִי וְכוּ', הָאבְּן מִיר מְתַקֵן גֶעוֶוען אַז דֶער וָואס טֵיילְט אוֹיס דָאס גֶעלְט הָאט אַן עַיִן טוֹבָה, וָואס קוּקְט נִישְׁט אַרַיין אִין יֶענֶעמְ'ס קִישְׁקֶעס; עֶס גֵייט צוּ אוֹיף זֵייעֶר אַן אֵיידֶעלֶע אוֹפָן, נִישְׁט מֶען זָאל אָנְהוֹיבְּן יֶענֶעם שִׁינְדְן דִי הוֹיט חַס וְשָׁלוֹם.

אִיךְ מֵיין, אַז עֶס וֶועט צוּגֵיין אוֹיף אַזַא וֶועג, מֶען וֶועט קָאכְן אוּן בַּאקְן אָן ווִיסְן וֶוער, וָואס אוּן וֶוען - וֶועט זַיין שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, מֶען וֶועט נִישְׁט רֶעדְן; דִי מְדַבְּרִים וֶועלְן זִיךְ דַארְפְן זוּכְן אַ נֵייעֶ פַּרְשָׁה פוּן וָואס צוּ רֶעדְן.

מַיין טֵייעֶרֶע וַוייבּ תִּחְיֶ' קָאכְט יֶעדֶע וָואךְ - שׁוֹין לַאנְגֶע יָארְן - פַאר אַ מִשְׁפָּחָה אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג; זִי ווֵייסְט נִישְׁט וֶוער, וָואס אוּן וֶוען. דָא אִין שְׁטָאט אִיז דָא אַן אָרְגַאנִיזַאצְיֶע "הִילְף", מַיין וַוייבּ קָאכְט אַ פֵיינֶע וַוארֶעמֶע מָאלְצַייט אוּן זִי גֵייט מִיט דִי קִינְדֶער דָאס אָפְּטְרָאגְן. דִי קִינְדֶער ווֵייסְן שׁוֹין, יֶעדֶע מִיטְוָואךְ גֵייט מֶען צוּ אַן אָרֶעמֶע מִשְׁפָּחָה טְרָאגְן עֶסְן, מֶען לֵייגְט עֶס אַרָאפּ בַּיים טִיר, אָן ווִיסְן וֶוער, וָואס אוּן וֶוען. דִי יִישַׁר כֹּחַ גֶעבְּט מֶען זִיךְ אַלֵיינְס, אוּן מֶען פְרֵיידְט זִיךְ אַז מֶען קֶען בּוֹיעֶן דִי וֶועלְט, "עוֹלָם חֶסֶד יִבָּנֶה" (תְּהִלִּים פט, ג).

אִיךְ בֶּעט אַייךְ זֵייעֶר, אוֹיב מֶענְטְשְׁן הוֹיבְּן אָן בַּארֶעדְן אַ צְוֵוייטְן: "יֶענֶער אִיז אַן אוֹיסְנִיצֶער", "יֶענֶער אִיז אַ פוֹילֶער", "יֶענֶער נֶעמְט עֶדְוֶועֶנְטִידְזְשׁ" - זָאלְט אִיר שֵׁיינֶערְהֵייט זָאגְן: "מֶען דַארְף נִישְׁט קָאכְן, מֶען דַארְף נִישְׁט מַאכְן, עֶס אִיז אַ חֶסֶד גְרוֹיס נָאר פַאר וֶוער עֶס ווִיל הֶעלְפְן", עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן חַס וְשָׁלוֹם צְווִישְׁן דִי מִשְׁפָּחוֹת קַיין פַּיינְטְשַׁאפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אַייךְ גֶעבְּן אַסַאךְ כֹּחַ, אִיר וֵוייסְט זִיכֶער דִי סוֹד ווִי אַזוֹי מֶען בַּאקוּמְט כֹּחַ; ווִי מֶער מֶען טוּט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן - בַּאקוּמְט מֶען כֹּחַ, אַז מֶען הָאט אִינְזִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז ווִי מֶער מֶען טוּט - אַלְץ מֶער כֹּחַ הָאט מֶען.

...

### אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת קֹרַח, א' דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אִיךְ זֶע אִין דִי קַאמֶערֶע אַז דוּ זִיצְט בַּיים שִׁיעוּר גְמָרָא פוּנֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ"א, אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הֲנָאָה אַז דוּ בִּיסְט זִיךְ קוֹבֵעַ עִתִּים לַתּוֹרָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת לא.) אֵיינֶע פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע פְרַאגֶעס וָואס מֶען פְרֶעגְט אוֹיבְן אִין הִימְל וֶוען דִי נְשָׁמָה קוּמְט אַרוֹיף אִיז: "קָבַעְתָּ עִתִּים לַתּוֹרָה", הָאסְט זִיךְ בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט צוּ לֶערְנֶען? פוּן דֶעם זֶעט מֶען ווִי חָשׁוּב דָאס אִיז, אַז דָאס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע פְרַאגֶע וָואס מֶען פְרֶעגְט - אִיז דָאס דִי טֵייעֶרְסְטֶע זַאךְ.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן אִין פֶעלְד אַרוּם דַיין שְׁטוּבּ, גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת; דִי אַלֶע וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל קֶענֶען דָאךְ מְקַיֵּים זַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער פָּשׁוּט כְּמַשְׁמָעוֹ, מֶען וואוֹינְט דָאךְ צְווִישְׁן בֵּיימֶער אוּן גְרָאז, עֶס אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ דָאס לֶעבְּן נָאךְ הִתְבּוֹדְדוּת; אַלֶעס אִיז רוּאִיג, אַלֶעס אִיז מְיֻשָּׁב.

...

## גֵייט אָנְגֶעטוּן אִידִישׁ, טוּט עֶס פַּאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

יֶעדֶעס מָאל אִיךְ קוּם אִין שְׁטֶעטְל אוּן אִיךְ זֶע אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר אִין שוּל דַאוְוענֶען - הָאבּ אִיךְ אַזַא נַחַת; אִיךְ הָאבּ אַזוֹי הַנָאָה צוּ זֶען וִוי עֶר אִיז שְׁטַארְק מִיט זַיין אִידִישֶׁע לְבוּשׁ, עֶר רִירְט נִישְׁט אָן זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, דָאס אִיז מַיין גְרֶעסְטֶע נַחַת.

אִיר זָאלְט זִיךְ אוֹיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַייעֶר אִידִישֶׁע לְבוּשׁ, צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן זָאלְט אִיר גֵיין אָנְגֶעטוּן שֵׁיין אוּן אֵיידְל, גֵייט אָנְגֶעטוּן אִידִישׁ. טוּט עֶס פַּאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת; דִי וֶועלְט אִיז וַואקְלְדִיג, קִינְדֶער רוּקְן זִיךְ אַרָאפּ פוּן דִי עֶלְטֶערְן - נִישְׁט אֵיין טְרֶעפְּל, נָאר צֶענְדְלִיגֶער טְרֶעפּ. מֶען דַארְף אַלְץ טְרַאכְטְן ׳וִוי אַזוֹי וֶועלְן מַיינֶע קִינְדֶער זַיין?׳

אוֹיבּ מֶען וִויל עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, עֶרְלִיכֶע אֵיינִיקְלֶעךְ - מוּז מֶען זִיךְ אַרוֹיפְרוּקְן צוּ דִי עֶלְטֶערְן, אַזוֹי וֶועלְן דִי קוּמֶענְדִיגֶע דוֹרוֹת בְּלַייבְּן עֶרְלִיךְ.

שְׁרַייבְּט מִיר וִויפִיל תְּהִלִּים אִיר זָאגְט, שְׁרַייבְּט מִיר אַייעֶרֶע סִיוּמִים אִין תְּהִלִּים.

...

## וִוי אַזוֹי בְּרֶסְלֶב׳עֶר חֲסִידִים זָאגְן תְּהִלִּים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, א׳ דְרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן צח) תְּהִלִּים אִיז אַ מִשְׁעֶנֶת, אַ וָואקֶער, עֶלְטֶערֶע מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן מִיט אַ וָואקֶער, אַ שְׁטֶעקְן - דָאס הֶעלְפְּט זֵיי גֵיין, זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז תְּהִלִּים אִיז אַ שְׁטֶעקְן, אַ וָואקֶער; עֶס הֶעלְפְּט אַרִיבֶּערְגֵיין דָאס לֶעבְּן.

תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ, תְּהִלִּים בְּרֶענְגְט יְשׁוּעוֹת, תְּהִלִּים אִיז דִי אוֹתִיוֹת: ״לִי תְּהֹם״ - צוּ מִיר, וואוּנְדֶער (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳, סִימָן ז) ; דָאס מֵיינְט ׳צוּ מִיר

וֶועט פַאסִירְן נִיסִים׳.

מֶען פְלֶעגְט הֶערְן בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידִים זָאגְן תְּהִלִּים, פְלֶעגְט מֶען הֶערְן וִוי זֵיי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אִידִישׁ, אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ פְרַיינְט; מִיט אַזַא זִיסְקֵייט, מִיט אַזַא הַארְצִיגְקֵייט, אַרַיינְגֶעפְלָאכְטְן דִי וֶוערְטֶער פוּן תְּהִלִּים מִיט דִי אֵייגֶענֶע בַּקָּשׁוֹת.

ווארִיל אִיז דֶעם וָואס זָאגְט יֶעדְן טָאג תְּהִלִּים אוּן אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד – דֶער וֶועט זֶען נִיסִים.

...

**נִישְׁט קֵיין חִילּוּק וָואס מֶען רֶעדְט, דֶער עִיקָּר בְּרֶענְגֶען דִי קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ – יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

**לְכָבוֹד ...**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ דַיין שְׁווִיגֶער, דַיין שְׁוֶוער, טַאטֶע אוּן מַאמֶע; אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן וָואס אִיךְ ווִיל, אִיךְ ווִיל דִי קִינְדֶער בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס אִיז בַּיי מִיר דֶער עִיקָּר; מִיר אִינְטֶערֶעסִירְט גָאר וֵוייניג וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט.

אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעזָאגְט פַאר דִי מְלַמְּדִים (אִיךְ בִּין אָנְגֶעקוּמֶען נֶעכְטְן נַאכְט אִין שְׁטֶעטְל, נָאךְ מַעֲרִיב הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט דִי מְלַמְּדִים), אַז מִיר גֵייט נִישְׁט אָן וָואס דִי עֶלְטֶערְן שְׁמוּעֶסְן צְווִישְׁן זִיךְ פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיסְצוּפָארְשְׁן אוּן פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה; אִין דִי צַייט וָואס דִי עֶלְטֶערְן רֶעדְן צְווִישְׁן זִיךְ רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַרוֹיף, רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַרָאפּ, פַארְוָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה רֶעדְט אַזוֹי, מַאכְט אַזוֹי – בִּיז דֶערְוַוייל גֶעבּ מִיר דִי קִינְדֶער, אִיךְ וֶועל לֶערְנֶען מִיט זֵיי אֱמוּנָה, תְּפִלָּה אוּן דֶעם רֶבִּינְ׳ס שֵׂכֶל.

דָאס זָאלְסְטוּ טוּן; דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אַז דוּ ווִילְסְט מִיר הֶעלְפְן, לֵייג אַרַיין

וָואס מֶער אִין דִי קִינְדֶער, לֵייג אַרַיין אִין זֵיי אֱמוּנָה, מִידּוֹת טוֹבוֹת אוּן אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ זַיין אַ אִיד, אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל דִיר נִישְׁט שְׁטֶערְן וָואס מֶענְטְשְׁן זָאגְן אוֹיף דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה.

...

### חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זָאגְן קַיין לִיגְנְט פַאר דִי רֶעגִירוּנְג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק לְכָבוֹד אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ תּוֹשְׁבֵי קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

מֶען דַארְף זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ גֵיין קֶעגְן דִי גֶעזֶעץ, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט זָאגְן קַיין לִיגְנְט פַאר דִי רֶעגִירוּנְג; אָךְ אוּן וֵויי אַז מֶען שְׁפִּילְט אַרוּם אוּן זֵיי נֶעמֶען אַפִּיר, אוֹיסֶער וָואס מֶען קֶען בַּאקוּמֶען אַ שְׁטְרָאף - קֶען מֶען גוֹרֵם זַיין אַ חִלּוּל הַשֵּׁם.

דִי אַלֶע אַיינְוואוֹינֶער אִין שְׁטֶעטְל וָואס ווִילְן בַּאקוּמֶען שְׁטָאטִישֶׁע פְּרָאגְרַאמֶען - דַארְפְן זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ שְׁרַייבְּן דֶעם אֱמֶת ווִיפִיל מֶען פַארְדִינְט, אַז עֶס זָאל זַיין אוֹיסְגֶעהַאלְטְן.

דֶערִיבֶּער זָאל זִיךְ יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע מִשְׁפָּחָה בַּארֶעכֶענֶען וָואס מֶען טוּט, מֶען זָאל זִיךְ מֶעלְדְן צוּ הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר, אָדֶער צוּ הָאבְרֵךְ ... נֵרוֹ יָאִיר; זֵיי אַרְבֶּעטְן מִיט דִי שְׁטָאטִישֶׁע בַּאאַמְטֶע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּרֶיוַח, נִישְׁט טוּן אוּמְלֶעגַאלֶע זַאכְן, יֶעדֶער זָאל זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטְס.

...

### יִיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן חָשׁוּבֶ'ער דַיָּין שְׁלִיטָ״א

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק לְכָבוֹד אוּנְזֶער חָשׁוּבֶ'ער דַיָּין שְׁלִיטָ״א

אַ גְרוֹיסְן יִיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן זַיין גְרֵייט פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ עֶנְטְפֶערְן

שְׁאֵלוֹת מִיט אַזַא אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקַייט, מַאכְסְט יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁפִּירְן גוּט אוּן חָשׁוּב; יֶעדֶער גֵייט אַוֶועק מִיט אַ גוּטֶע גֶעפִיל; אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקֶךָ.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַארְ'ן לֶערְנֶען מִיט מַיינֶע קִינְדֶער.

...

## חִינוּךְ אִיז נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לפ"ק

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס אִיךְ הָאבּ מִיט דִיר גֶערֶעדְט נֶעכְטְן נַאכְט נָאכְן שִׁיעוּר, שְׁלָאגְן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קַיין חִינוּךְ; שְׁלָאגְן קִינְדֶער אִיז אַ פוֹילֶע וֶועג, עֶלְטֶערְן הָאבְּן נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ רֶעדְן אוּן נָאכְאַמָאל רֶעדְן אוּן נָאכְאַמָאל זָאגְן; עֶס אִיז זֵיי גְרִינְגֶער צוּ פְּרַאסְקֶען אוּן רַצְח'נֶען.

דָאס וֵוייסְטוּ אַז דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט שְׁלָאגְן קִינְדֶער, דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל פָארְגֶעהַאלְטְן רֶבִּי נָתָן: "אַ קִינְד שְׁלָאגְט מֶען?!" אוּן אוֹיף דֶעם דִיבּוּר וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַמָאל גֶעבְּט מֶען אַ פַּאטְשׁ" - זָאגְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז דֶער 'אַמָאל' אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען.

הַכְּלַל, שְׁטַארְק זִיךְ, אִינְוֶועסְטִיר אַבִּיסְל אִין דַיינֶע קִינְדֶער. חִינוּךְ אִיז נִישְׁט סְטְרַאשֶׁענֶען; וֶוען מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער זֵיי זָאלְן עֶסְן, גֵיין שְׁלָאפְן, צַאמְנֶעמֶען דִי שְׁפִּילְצֵייג וְכַדוֹמֶה - זָאגְט מֶען זֵיי וָואס צוּ טוּן, מֶען זָאגְט נִישְׁט אַ סְטְרַאשֶׁע: "אוֹיבּ נִישְׁט וֶועסְטוּ...", סְטְרַאשֶׁען אִיז אַ שְׁוַואכְקֵייט; מֶען לֶערְנְט זֵיי אוֹיס צוּ פָאלְגְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, מֶען הֵייסְט אַרַיינְגֵיין אִין בֶּעט, אוּן אַז זֵיי פָאלְגְן נִישְׁט זָאגְט מֶען נָאכְאַמָאל: "אַרַיין אִין בֶּעט", מֶען זָאגְט זֵיי: "מֶען מוּז פָאלְגְן אַ טַאטֶע", "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט מֶען דַארְף פָאלְגְן אַ טַאטֶע" - אַזוֹי לֶערְנֶען זֵיי זִיךְ אוֹיס צוּ פָאלְגְן.

הוֹיבּ נִישְׁט אָן דַיין טָאג פַאר דוּ לֵייגְסְט תְּפִילִין, גֵיי נִישְׁט אַרַיין אִין אָפִּיס נָאר נָאכְ'ן גֵיין אִין שׁוּל; עֶס אִיז נִישְׁט וֶוערְד דִי גֶעלְט אוֹיבּ עֶס נֶעמְט אַוֶועק אֲפִילוּ אֵיין טָאג פוּן לֵייגְן תְּפִילִין.

הויב אָן פון יֶעצְט מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת - וֶועסְטוּ הָאבְּן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע הַצְלָחָה.

...

**וֶוען מֶען אִיז מְקַנֵא דִי וָואס הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיר שְׁרַייבְּט, אִיר שְׁפִּירְט אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן אַ סְמַארְטְפָאוֹן - דִי הָאבְּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן און אִיר זֶענְט זֵיי מְקַנֵא.

עֶרְשְׁטְנְ׳ס, אִיךְ צְוִוינְג אַייךְ וָואס צוּ טוּן? אִיךְ לָאז אַייךְ נִישְׁט הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן?!

צְוֵוייטְנְ׳ס, אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען פוּן אַייךְ אַזוֹיפִיל בְּרִיוְון וואוּ אִיר בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל מְחַזֵק זַיין אַייעֶר מַאן נִישְׁט צוּ הָאבְּן אַזַא טֶעלֶעפָאן, אִיר הָאט צוּ מִיר גֶעוֵויינְט וֶועגְן דֶעם, וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ הֶעלְפְן יֶעצְט?

אִיךְ וֶועל אַייךְ נִישְׁט אַוֶועקְנַוַוארְפְן אַז אִיר וֶועט זִיךְ קוֹיפְן אַ טֶעלֶעפָאן, בַּיי אוּנְז אִין דִי קְהִילָה זֶענֶען דָא מִשְׁפָּחוֹת וָואס הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן; מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת, בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט וִויסְן וָואס צוּ טוּן.

הִתְבּוֹדְדוּת אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם; דִי וָואס הָאבְּן טֶעלֶעפָאוֹנְס קֶענֶען דָאס נוּצְן, און אוֹיךְ דִי וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין טֶעלֶעפָאן; הִתְבּוֹדְדוּת קְלֶעבְּט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט זַיין פְרֵיילִיךְ, דֶער עִיקָר הַצְלָחָה אִיז - וֶוען מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ.

בֶּעטְס דִי תְּפִלָּה יֶעדְן טָאג:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ, אִיךְ זָאל זַיין צוּפְרִידְן מִיט מִיר, אִיךְ זָאל דִיר שְׁפִּירְן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט מְקַנֵא זַיין, אִיךְ זָאל וִויסְן אַז אִיךְ בִּין חָשׁוּב בַּיי דִיר, אָמֵן".

יֶעצְט וֶועט אִיר שׁוֹין פַארְשְׁטֵיין אַייעֶר צְוֵוייטֶע פְּרַאגֶע, וֶועגְן בְּחִירָה; אִיר שְׁרַייבְּט אַז עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין בְּחִירָה, וַוייל מֶען שְׁרֶעקְט אַזוֹי אָן מִיט עוֹנְשִׁים, אַז מֶען מוּז טוּן אַזוֹי און אַזוֹי וְכוּ'; דָאךְ אִיז דָא אַ בְּחִירָה, נָאכְן הֶערְן אַזוֹיפִיל דְרָשׁוֹת פוּן דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן הָאבְּן אִין שְׁטוּב אַ טֶעלֶעפָאן, נָאכְן אַלֵיינְס בֶּעטְן יָארְן אַז אַייעֶר מַאן זָאל דָאס נִישְׁט הָאבְּן - הָאט אִיר נָאכְגַעלְץ דִי בְּחִירָה יָא אָדֶער נֵיין.

דִי בְּחִירָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אַ מֶענְטְשׁ קֶען הַאלְטְן אַ מֵת אִין הַאנְט, עֶר טְרָאגְט אַ טוֹיטְן מֶענְטְשׁ צוּ דִי קְבוּרָה, און עֶר זֶעט אַ פְּרוּי - וַוארְפְט עֶר אַרָאפּ דֶעם מֵת און לוֹיפְט צוּם נִסָּיוֹן"; אֵיי טִיפֵּשׁ, זֶעסְט דָאךְ דָאס סוֹף פוּנֶעם לֶעבְּן, דָאךְ אִיז דִי בְּחִירָה, דִי נִסָּיוֹן - אַזוֹי גְרוֹיס, אַזוֹי שְׁטַארְק!

אִיךְ הָאף אִיר וֶועט בּוֹחֵר זַיין בַּטּוֹב, אִיר וֶועט נִישְׁט אַריינְנֶעמֶען אִין אַייעֶר הַאנְט אַ טֶעלֶעפָאן וָואס אִיז גֶע'אֲסַר'ט דוּרְךְ אַלֶע גְּדוֹלֵי יִשְׂרָאֵל.

בְּנוֹגֵעַ מְקַנֵּא זַיין מֶענְטְשְׁן; עֶס וֶוענְדְט זִיךְ מִיט וָואס, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד מֶעג מֶען מְקַנֵּא זַיין. וֶוען אִיךְ זֶע אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - וֶוער אִיךְ אַזוֹי צֶערִיסְן אִין מִיר, אִיךְ הוֹיבּ גְלַייךְ אָן מַאכְן תְּפִלָּה, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דָאס אִיז גוּטֶע קִנְאָה, וֶוען מֶען זֶעט אֵיינֶעם מִיט גוּטֶע מִדּוֹת - מֶעג מֶען בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ ווִיל אוֹיךְ גוּטֶע מִדּוֹת".

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַאר זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי נַחְמָן: "נִישְׁטָא וֶועם צוּ מְקַנֵּא זַיין, יֶעדֶער הָאט צָרוֹת און יִסוּרִים, נָאר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף מֶען מְקַנֵּא זַיין; און אוֹיבּ דוּ בִּיסְט דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד - זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן - בִּין אִיךְ דִיר מְקַנֵּא".

זֵייעֶר גוּט טוּט אִיר אַז אִיר אִינְטֶערֶעסִירְט זִיךְ נָאךְ אַ שִׁיעוּר אִין בֵּית פֵּיגָא - וָואס מֶען הָאט גֶערֶעדְט, און זֵייעֶר גוּט אַז אִיר גֵייט צוּ שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת מִיט נָאךְ וַוייבְּלֶעךְ, מֶען רֶעדְט פוּן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה, מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים, שֵׁיינֶע זַאכְן וָואס מֶען בַּאקוּמְט אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ. אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען וֶוען מוֹהֲרַ"שׁ הָאט גֶעלֶעבְּט, וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז מוֹהֲרַ"שׁ אִיז גֶעוֶוען עֶרְגֶעץ וואוּ און גֶערֶעדְט, הָאבְּן מִיר זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט און גֶעשְׁלִינְגֶען נָאךְ אַ וָוארְט און נָאךְ אַ וָוארְט מִיט דוּרְשְׁט.

דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז אִין אָנְהוֹיבּ בַּיים מְקוּרָב וֶוערְן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאט אִיר גֶעטְרַאכְט ׳דָא אִיז אַ גוּטֶע פְּלַאץ צוּ זַיין, מֶען קֶען אַלֶעס טוּן מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן׳, אוּן צוּבִּיסְלֶעךְ זֶעט אִיר אַז מֶען טָאר גָארְנִישְׁט טוּן, נָאר צְוֵויי זַאכְן קֶענֶען פְּרוּיעֶן טוּן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין גְרֵייט פַאר דִי מַאן וְכוּ׳; אִיר הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ לֶעבְּן מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, אִיר הָאט גֶעוָואלְט שְׁפִּירְן דִי גֶעשְׁמַאקֶע לֶעבְּן, וִוי מֶען לֵייגְט דָאס אַרָאפּ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, אוּן אִיר צְוִוינְגְט זִיךְ צוּ דֶעם.

בֶּעטְס אוֹיף דֶעם אַלֵיינְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיר זָאלְט הָאבְּן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן מִיט׳ן מַאן, אַ טַעַם אִין לֶעבְּן בַּיים דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיךְ זָאלְט אִיר אַיינְטֵיילְן דִי הִתְבּוֹדְדוּת; עֶס זָאל נִישְׁט זַיין נָאר בֶּעטְן אוּן וֵויינֶען, מֶען דַארְף דָאס בַּאלַאנְסִירְן, מֶען דַארְף דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיךְ בֶּעטְן.

דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק - מֶען בַּאקוּמְט שְׁטַארְקֶע נֶערְוֶועֶן, עֶס גֶעבְּט שְׁטַארְקֶע כֹּחוֹת.

...

### הַדְרָכוֹת פַאר אַ כַּלָּה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת קֹרַח, ב׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לפ״ק

הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו, מַזָּל טוֹב!

אִיךְ וֶועל אַייךְ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף אַייעֶרֶע פְרַאגֶעס:

דִי כַּלָּה גֵייט נִישְׁט צוּם בַּאוַוארְפְן, דִי בַּאוַוארְפְן אִיז נָאר פַאר דִי חָתָן.

קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁל אַרִיזַ״ל אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם.

דִי נַאכְט פוּן דִי חֲתוּנָה זָאלְט אִיר נָאר לֵיינֶען דִי עֶרְשְׁטֶע קַאפִּיטְל, בִּיז ״וּבִשְׁעָרֶיךָ״.

דְרֵיי טְבִילוֹת, מֶען טוֹבֵל׳ט זִיךְ אַיינְגֶעבּוֹיגֶענֶערְהֵייט.

מֶען צִינְדְט צְוֵויי אוֹיל לֶעכְט כְּנֶגֶד זָכוֹר וְשָׁמוֹר אוּן פִיר לֶעכְט אַנְטְקֶעגְן

דִי פִיר אוֹתִיוֹת פוּן שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא, אוּן וֶוען עֶס וֶוערְט גֶעבּוֹירְן אַ קִינְד לֵייגְט מֶען צוּ נָאךְ אַ לֶעכְט.

הַדְרָכוֹת פַאר'ן לֶעבְּן; אִיר זָאלְט נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיךְ זָאלְט אִיר דַאנְקֶען אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ אַייעֶר מַאן.

גֵייט צוּ דִי חוּפָּה מִיטְ'ן רֶעכְטְן פוּס, בְּשָׁעָה טוֹבָה וּמֻצְלַחַת.

גֶעבְּט אַ מַזָל טוֹב פַאר אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן.

...

## דַאוֶונֶען זָאל זַיין בַּיי דִיר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי וָואךְ שַׁבָּת אִיז גֶעוֶועןַ אַ הֶערְלִיכֶע שַׁבָּת; דִי וָואךְ בִּין אִיךְ שׁוֹין גֶעוֶוען אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, אִין שְׁטֶעטְל. דֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רצז): "הַשַּׁבָּתִים שֶׁשּׁוֹבְתִים אֶצְלִי", וֶוען מֶען קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף שַׁבָּת, "הֵם גְּדוֹלִים וְטוֹבִים יוֹתֵר מִשִּׁבְעָה פְּעָמִים תַּעֲנִית מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת", אִיז דָאס מֶער וִוי פַאסְטְן זִיבְּן מָאל פוּן שַׁבָּת צוּ שַׁבָּת; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אוּנְז, דָאס אִיז נִישְׁט נָאר גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַמָאל, אִין רֶבִּינְ'ס צַייטְן, נָאר דָאס גֵייט אָן עַד הַיּוֹם הַזֶּה; אַז מֶען קוּמְט שַׁבָּת צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן רֶבִּי'ן אוּן מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת - אִיז דָאס אַזוֹי וִוי מֶען אִיז שַׁבָּת בַּיים רֶבִּי'ן; דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁפִּירְט אִין שְׁטֶעטְל צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן; דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, עֶס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען גְרוֹיס שֶׁפַע. אַלֶעס וָואס דוּ דַארְפְסְט עֶרְלֶעדִיגְן - קֶענְסְטוּ עֶרְלֶעדִיגְן נָאכְן דַאוֶונֶען, גָארְנִישְׁט אִיז חָשׁוּבְ'עֶר פוּן דַאוֶונֶען, דַאוֶונֶען זָאל זַיין בַּיי דִיר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ.

וֶוען דוּ בִּיסְט אִינְמִיטְן אַ פְּלַאנְטֶער גֶעבּ אַ שְׁרֵיי אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער:

**"אָנָּא ה׳ אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הוֹשִׁיעָה נָּא, הֶעלְף מִיר!"** דִי וֶוערְטֶער וֶועט שְׁפַּאלְטְן דֶעם יַם, עֶס וֶועט זִיךְ אַלֶעס שְׁפַּאלְטְן; דוּ וֶועסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַלֶע דַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"אָנָּא ה׳, אִיךְ בֶּעט דִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער, הוֹשִׁיעָה נָּא, הֶעלְף מִיר"** - דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע גֶעבֶּעט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִיךְ הֶער שֵׁיינֶע גְרוּסְן פוּן עֶנְקֶער מְלַמֵּד

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמוּד תּוֹרָה הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן גוּטֶע גְרִיסְן אוֹיף עֶנְק, עֶנְקֶער מְלַמֵּד שְׁרַייבְּט מִיר כִּמְעַט יֶעדְן טָאג וָואס עֶס טוּט זִיךְ אִין חֵדֶר. עֶר דֶערְצֵיילְט מִיר פוּן יֶעדְן קִינְד - וֶוער עֶס דַאוֶונְט שֵׁיין, אוּן וֶוער עֶס גֵייט הַיינְט דַאוֶוענֶען שֵׁיין, וֶוער עֶס לֶערְנְט גְמָרָא אוּן מִשְׁנַיוֹת, אוּן אוֹיךְ וֶוער עֶס גֵייט פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער לֶערְנֶען פְלַייסִיג.

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיבּ וֶועט אִיר דַאוֶוענֶען אוּן לֶערְנֶען אוּן אִיר וֶועט פָאלְגְן עֶנְקֶער מְלַמֵּד - וֶועט אִיר אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, וַוייל עֶנְקֶער מְלַמֵּד וִויל נָאר אַז עֶנְק זָאל זַיין גוּט, עֶר לֶערְנְט עֶנְק דִי וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז עֶנְק וֶועלְן פָאלְגְן - וֶועלְן עֶנְק זַיין גוּטֶע אִידְן.

אִיךְ וַוארְט יֶעדְן טָאג אוֹיף דִי בְּרִיוו וָואס עֶנְקֶער מְלַמֵּד שְׁרַייבְּט מִיר, אִיךְ לֵיין דָאס שְׁטַייטְלִיךְ, אִיךְ וַוארְט צוּ זֶען יֶעדֶע נָאמֶען, יֶעדֶע קִינְד - וִוי עֶר פִירְט זִיךְ, וִוי שֵׁיין עֶר פִירְט זִיךְ; אִיךְ הָאף אִיר וֶועט מִיר מַאכְן נָאר נַחַת.

אִיךְ וִויל עֶנְק זֵייעֶר בֶּעטְן, יֶעדְן טָאג אֵיידֶער אִיר קוּמְט אִין חֵדֶר זָאלְט אִיר זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, אִיר זָאלְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן:

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף מִיר אַז הַיינְט זָאל זַיין אַ גוּטֶע טָאג, הַיינְט זָאל אִיךְ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶּוענֶען, הַיינְט זָאל אִיךְ זַיין אַ גוּט קִינְד, דֶער יֵצֶר הָרָע זָאל מִיךְ נִישְׁט גֶעוִוינֶען, דֶער יֵצֶר טוֹב זָאל מִיךְ גֶעוִוינֶען, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל פָאלְגְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן, מַיין טַאטֶע מַאמֶע, אוּן מַיין מְלַמֵּד"; אוֹיךְ זָאלְט אִיר בֶּעטְן פַאר מִיר, יוֹאֵל בֶּן רַייצָא רֶעכִיל, אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ אוּן הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הַפָּצָה אִיז אוּנְזֶער הָאפֶענוּנְג לְנֵצַח נְצָחִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

רַק חֲזַק וֶאֱמָץ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז לְהָפִיץ תּוֹרַת רַבֵּינוּ בָּעוֹלָם, ווייל נָאר דָאס אִיז אוּנְזֶער הָאפֶענוּנְג, דָאס אִיז אוּנְזֶער תִּקְוָה לְנֵצַח נְצָחִים.

...

## אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט פוּן מֶענְטְשְׁן, דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען אַנְטוֹישְׁט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן מָשִׁיחַ; דוּ הָאסְט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג וִויפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דַיינֶע חִיזוּקִים, עֶס לוֹינְט זִיךְ דַיין הָארֶעוַואנְיֶע.

נֶעם אַרַיין אִין דִיר אַז דוּ אַרְבֶּעטְסְט פַארְ׳ן בַּאשֶׁעפֶער, אַז מֶען בִּינְדְט זִיךְ צוּ צוּם בַּאשֶׁעפֶער - אִיז דִי אַרְבֶּעט גְרִינְג, אוֹיבּ מֶען טְרַאכְט פוּן מֶענְטְשְׁן - דֶעמָאלְט וֶוערְט מֶען אַנְטוֹישְׁט, מֶען וֶוערְט פַארְוֵוייטָאגְט, מֶען טְרַאכְט מַחֲשָׁבוֹת וְכוּ׳, אָבֶער אַז מֶען טְרַאכְט פוּנֶעם אייבֶּערְשְׁטְן - קֶען מֶען נִישְׁט פַאלְן, מֶען וֶוערְט נָאר שְׁטֶערְקֶער אוּן שְׁטֶערְקֶער.

...

## אָנְגְרֵייטְן דֶעם לוּחַ פַאר שְׁנַת תשפ״ג

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

הַיינְט בִּין אִיךְ גֶעזִיצְן מִיט אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן אִין קֶרֶן הַדְפָּסָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְט ווִי עֶס הַאלְט דִי לוּחַ לִשְׁנַת תשפ״ג לפ״ק, מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז מֶען וַוארְט אוֹיף דִיר, דוּ זָאלְסְט עֶנְדִיגְן דִי הַגָּהָה.

אִיךְ הָאף דוּ װֶועסְט דָאס עֶנְדִיגְן ווִי שְׁנֶעלֶער, ווַייל הַיּוֹם קָצָר וְהַמְּלָאכָה מְרוּבָּה, דִי צַייט אִיז קוּרְץ אִין דִי אַרְבֶּעט אִיז אַסַאךְ; מֶען דַארְף דָאס שׁוֹין דְרוּקְן, אָנְגְרֵייטְן פַארְ׳ן קוּמֶענְדִיגְן יָאר.

עֶס כַאפְּט אַ קִיצְל צוּ הֶערְן ׳שְׁנַת תשפ״ג׳; מִיר הָאבְּן נֶעכְטְן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי יָאר מִיט אַזוֹיפִיל קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, וְוִי אִיז דִי יָאר אַזוֹי אַרִיבֶּער? וואוּ זֶענֶען דִי טֶעג? דִי וָואכְן?

יֶעצְט זוּמֶער וֶוען דוּ בִּיסְט אִין קָאנְטְרִי - קֶענְסְטוּ מְקַיֵּים זַיין דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער, זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צְווִישְׁן דִי גְרָאז אוּן בֵּיימֶער; וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז מְקַיֵּים דֶעם רֶבִּינְ׳ס ווִילְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת.

...

## אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה׳ גֶעמַאכְט פַאר מַיין זוּן שֵׁיינֶע לַאנְגֶע גֶעקְרַייזְלְטֶע פֵּיאוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, עֶירְמָאנְט**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ זֵייעֶר צוּ דִיר, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג נִישְׁט גֶעהֶערְט פוּן דִיר, אִיךְ הָאף אַז אַלֶעס אִיז בַּיי דִיר אִין בֶּעסְטְן אָרְדֶענוּנְג.

אִיךְ בִּין יֶעצְט אִין שְׁטֶעטְל, מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הִילְף וֶועל אִיךְ זַיין דָא בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמֶער - בִּיז אַ וָואךְ פַאר מִיר פָארְן צוּם רֶבִּיְ׳ן קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

הַיינְט זוּנְטָאג חֻקַּת הָאבּ אִיךְ אָפְּגֶעשׁוֹירְן לְמַזָּל טוֹב מַיין זוּן מֶענְדְל נֵרוֹ יָאִיר, אִים גֶעמַאכְט הֵיילִיגֶע פֵּיאוֹת, גֶעמַאכְט שֵׁיינֶע לַאנְגֶע גֶעקְרַייזְלְטֶע פֵּיאוֹת כִּרְצוֹן רַבֵּינוּ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקז) אִין דִי גֶעקְרַייזְלְטֶע פֵּיאוֹת לִיגְט גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (שִׁיר הַשִּׁירִים ה, יא): "קְוֻצּוֹתָיו תַּלְתַּלִּים". דֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען מִיט שֵׁיינֶע לַאנְגֶע גֶעקְרַייזְלְטֶע פֵּיאוֹת, אַלְץ פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי דָאס נַאס מַאכְן אוּן זִיךְ צַאמְנֶעמֶען.

מַיין שְׁוֶוער אוּן שְׁוִוגֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם אָפְּשֶׁערְן; מַיין שְׁוֶוער אִיז נִישְׁט וַוייט פוּן אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל, עֶר אִיז אַ מַגִּיד שִׁיעוּר אִין סַאטְמֶער יְשִׁיבָה קְטַנָּה. מַיינֶע עֶלְטֶערְן זָאל זַיין גֶעזוּנְט זֶענֶען נִישְׁט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען, עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג פַאר זֵיי זִיךְ אַרוֹיף צוּ שְׁלֶעפְּן צוּ אַן אָפְּשֶׁערְן, אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן פָארִיגֶע וָואךְ אֵיידֶערְן אַרוֹיסְפָארְן - אָפְּנֶעמֶען דִי מַזָּל טוֹב.

הַיינְט אִיז נִישְׁט גֶעוֶועזְן קַיין חֵדֶר, מֶען מַאכְט אַן הַפְסָקָה פוּן חֵדֶר אַ גַאנְץ יָאר - צוּ דִי זוּמֶער חֵדֶר פַאר אַ טָאג; נִישְׁט זָאלְסְט מֵיינֶען אַז זוּמֶער חֵדֶר אִיז נִישְׁט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, כְּמִנְהַג הַגּוֹיִם חַס וְחָלִילָה, זוּמֶער אִיז חֵדֶר אַזוֹי וִוי אַ גַאנְץ יָאר, אוּן נָאךְ מֶער, מֶען לֶערְנְט אוּן מֶען דַאוֶוענְט אַזוֹי וִוי אַ גַאנְץ יָאר, דָאס הָאבְּן דִי צַדִּיקִים מִדּוֹרוֹת הַקּוֹדְמִים אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט.

לֵיידֶער אִין אַמֶערִיקֶע פְלֶעגְן זַיין פַארְמַאכְט אַלֶע חֲדָרִים פַאר דִי צְוֵויי חֳדָשִׁים וָואס דִי גוֹיִם הָאבְּן נִישְׁט קַיין שׁוּלֶע, זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי צַדִּיקִים, הָרַב הַקָּדוֹשׁ מִסַּאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אוּן זִיךְ גֶעשְׁלָאגְן מִיט אַמֶערִיקֶע אוּן גֶעמַאכְט גֶעהֶערִיג חֵדֶר.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט גֵיין מִיט מַיין זוּן אוּנְטֶערְן טַלִּית, אִיךְ הָאבּ אִים גֶענוּמֶען אוּנְטֶערְן טַלִּית אַרָאפּ צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּנְטֶער מַיין דִירָה.

דֶער מְלַמֵּד פוּן שְׁטֶעטְל יַעֲקֹב יַאקָאבָאוִויטְשׁ נֵרוֹ יָאִיר הָאט פְּרוּבִּירְט זָאגְן מִיט אִים דִי א' ב', עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעלָאזְט; מַיין שְׁוֶוער הָאט פְּרוּבִּירְט, עֶס אִיז גֶעוֶועזְן הִיבְּשׁ שְׁוֶוער, בָּרוּךְ הַשֵּׁם פַאר דֶעם.

פוּן דָארְט בִּין אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּם נֵייעֶם בִּנְיָן קֶרֶן הַדְפָּסָה, זִיךְ דוּרְךְ רֶעדְן

מִיט אַלֶע וָואס הָאבְּן אַ חֵלֶק אִין דִי וֶועכֶנְטְלִיכֶע קוּנְטְרֵסִים, וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרְבֶּעטְן אִינְאֵיינֶעם עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען צַייטְלִיךְ.

דִי בָּחוּרִים קוּמֶען אַרוֹיס אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם מָארְגְן; דִי יְשִׁיבָה אִיז גְרוֹיס, קָרוֹב צוּ אַכְצִיג בָּחוּרִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל מִיר גֶעבְּן כֹּחַ זֵיי צוּ מְחַזֵּק זַיין אוּן עֶס זָאל זַיין שִׁידוּכִים וָואס שְׁנֶעלֶער.

...

## זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, טְרָאץ אַלֶע שְׁטֶערוּנְגֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט צוּ דְרוּקְן אוּן פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, אַזוֹי וֶועלְן מִיר צוּרִיק בְּרֶענְגֶען כְּלַל נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַוַודַאי וֶועט זַיין אַלֶע סָארְט שְׁטֶערוּנְגֶען, דֶער סַמֶ״ךְ מֶ״ם וֶועט פְּרוּבִּירְן צוּ שְׁטֶערְן, אָבֶּער וְאַתָּה מָרוֹם לְעוֹלָם ה׳, לְעוֹלָם יָדְךָ עַל הָעֶלְיוֹנָה.

...

## חֲלִישׁוּת הַדַּעַת הָאט יֶעדֶער, מִיר הָאבְּן כָּאטְשִׁיג אַ חֵלֶק אִין דִי גְאוּלָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת חֻקַּת, ד׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

לְעוֹלָם וָואלְט אִיךְ דִיר גֶעדַארְפְט שְׁרַייבְּן יֶעדְן טָאג אַ בְּרִיוו, דִיר מְחַזֵּק זַיין דוּ זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן מַגִּיהַ זַיין אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי חִיזּוּק, עֵצוֹת אוּן שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי׳ן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (סִפְרֵי נָשֹׂא, פִּיסְקָא א): ״אֵין מְחַזְּקִין אֶלָּא לַמְּחוּזָּקִין״; דִי וָואס זֶענֶען מְחַזֵּק אַנְדֶערֶע - דִי דַארְפְן דָאס מֶערְסְטֶע חִיזּוּק; אִיךְ בֶּעט דִיר, שְׁטַארְק זִיךְ; זַיי מַמְשִׁיךְ מֶער אוּן מֶער מִיט דִי זַאךְ פוּן עֲצָתוֹ

אֱמוּנָה, אִישׁ אֱמוּנוֹת, חָזִית אִישׁ, מַעֲשֶׂה׳לֶעךְ פַאר קִינְדֶערְלֶעךְ, אִישׁ יְהוּדִי, אוּן יֶעצְט דֶעם נֵייעֶם פֵּירוּשׁ אוֹיפְ׳ן לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן.

אַוַודַאי וֶועט זַיין אַסַאךְ חֲלִישׁוּת הַדַּעַת אוּן בִּלְבּוּלִים, אָבֶער מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיף תַּכְלִית; ווייל חֲלִישׁוּת הַדַּעַת הָאט יֶעדֶער אֵיינֶער, מִיר הָאבְּן כָאטְשִׁיג אַ חֵלֶק אִין דִי גְּאוּלָה.

...

### "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער" בְּרֶענְגְּט בְּרָכוֹת אוּן יְשׁוּעוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פָּרָשַׁת חֻקַּת, ה׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶענְטְשְׁן פְרֶעגְן, ווִי אַזוֹי מֶעג מֶען זָאגְן: "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"? יְיַשֶׁר כֹּחַ מֵיינְט אַז מֶען וואוּנְטְשְׁט יֶענֶעם עֶר זָאל בַּאקוּמֶען כֹּחַ; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף דֶען דַיין כֹּחַ? אַזוֹי פְרֶעגְן מִיר מֶענְטְשְׁן.

עֶרְשְׁטְנְ׳ס "שְׁכֹּחַ" אִיז אַ דַאנְק וָוארְט; וֶוען מֶען זָאגְט פַאר אַ צְוֵוייטְן "שְׁכֹּחַ" - מֵיינְט דָאס "אִיךְ דַאנְק דִיר"; קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט יֶעצְט פוּנֶעם דִקְדּוּק: "יְיַשֶׁר כֹּחַ" - עֶס זָאל גֶעשְׁטַארְקְט וֶוערְן דַיין כֹּחַ; עֶס אִיז אַ וָוארְט פוּן דַאנְקֶען.

צְוֵוייטְנְס, דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (פָּרָשַׁת בֹּא, דַּף מ ע״ב) וֶוען מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶערְקֶער אוּן גְרֶעסֶער; ווִי מֶער מֶען לוֹיבְּט אִים אוּן מֶען דֶערְצֵיילְט דִי נִיסִים וָואס עֶר טוּט - "כְּדֵין אִתּוֹסַף לֵיהּ חֵילָא וּגְבוּרְתָּא לְעֵילָּא", וֶוערְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שְׁטֶערְקֶער אוּן גְרֶעסֶער, "וְיִשְׂרָאֵל בְּהַהוּא סִפּוּרָא יַהֲבֵי חֵילָא לְמָארֵיהוֹן", וֶוען אִידְן דֶערְצֵיילְן דִי נִיסִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט - גֶעבְּן זֵיי כֹּחַ פַארְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. "כְּמַלְכָּא", אַ מָשָׁל צוּ אַ קֶענִיג, "דְּאִתּוֹסָף חֵילָא וּגְבוּרְתָּא", וָואס וֶוערְט שְׁטֶערְקֶער אוּן גְרֶעסֶער, "כַּד מְשַׁבְּחִין גְּבוּרְתֵּיהּ", וֶוען מֶען לוֹיבְּט זַיינֶע שְׁטַארְקֶע מַעֲשִׂים, "וְאוֹדָן לֵיהּ", אוּן מֶען לוֹיבְּט אִים,

"וְכֻלְּהוּ דַּחֲלִין מִקָּמֵיהּ", אַלֶע בַּאקוּמֶען אַ שְׁרֶעק פוּן אִים, "וְאִסְתַּלָּק יְקָרֵיהּ עַל כֻּלְּהוּ", אוּן אַלֶע גֶעבְּן אִים כָּבוֹד.

דַיין מוֹיל זָאל נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ אוּן דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען יְשׁוּעוֹת אִין אַלֶע הִינְזִיכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נֶעמֶען וָואס דִי עֶלְטֶערְן ווילְן גֶעבְּן, אוּן זִיךְ בַּאדַאנְקֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אוֹיבּ אַייעֶר מַאן אִיז מַסְכִּים אִיר זָאלְט הֶעלְפְן אַייעֶר טַאטֶע מִיטְ'ן אַרַיינְנֶעמֶען אַייעֶר בְּרוּדֶער אוֹיף שַׁבָּתִים, אוּן אַז אַייעֶר טַאטֶע וויל אַייךְ צָאלְן - זָאלְט אִיר עֶס נֶעמֶען אוּן אִים דַאנְקֶען.

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע מִצְוָה ווִי הֶעלְפְן דִי אֵייגֶענֶע מִשְׁפָּחָה; אַייעֶר טַאטֶע זוּכְט אַ וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ וואוּ אַייעֶר בְּרוּדֶער זָאל זַיין שַׁבָּת - אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה! דָאס אִיז כִּיבּוּד אָב וָאֵם, הַכְנָסַת אוֹרְחִים, וּמִבְּשָׂרְךָ אַל תִּתְעַלֵּם, הֲפָצָה, פִּדְיוֹן שְׁבוּיִים אוּן וָואס נִישְׁט.

עֶס אִיז ווִיכְטִיג פַאר קִינְדֶער צוּ ווִיסְן אַז וֶוען עֶלְטֶערְן גֶעבְּן גֶעלְט אָדֶער מַתָּנוֹת - זָאגְט מֶען נִישְׁט: "אִיךְ דַארְף נִישְׁט", "עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס", נָאר מֶען זָאגְט אֵיין וָוארְט: "שְׁכֹּחַ". עֶלְטֶערְן ווילְן גֶעבְּן פַאר קִינְדֶער; וֶוען אִיר וֶועט חֲתוּנָה מַאכְן אַייעֶרֶע קִינְדֶער וֶועט אִיר אוֹיךְ זוּכְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ גֶעבְּן בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד. אַז זֵיי ווילְן אַייךְ הֶעלְפְן - זָאלְט אִיר עֶס נֶעמֶען אוּן זָאגְן: "שְׁכֹּחַ", אוּן אוֹיבּ מֶען זָאגְט צוּ אוּן עֶס לָאזְט זִיךְ אוֹיס אַ בּוֹידֶעם - וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בַּאצָאלְן בְּכִפְלֵי כִּפְלַיִם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### חֲנֻכַּת הַבַּיִת פוּנֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן "קֶרֶן הַדְפָּסָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ"

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר, בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

דִי פַּאסִיגֶע צַייט פַּארְ'ן חֲנֻכַּת הַבַּיִת פוּנֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן "קֶרֶן הַדְפָּסָה הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ" - אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, זוּנְטָאג פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים.

זוּנְטָאג אִיז אַ טָאג וָואס דִי אַלֶע וָואס אַרְבֶּעטְן קֶענֶען דָאס מִיטְהַאלְטְן, אוֹיךְ קֶען עֶס זַיין אַ רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סְעוּדָה, און אוֹיךְ אַ הֲכָנָה צוּם רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין רֶבִּינְ'ס רֹאשׁ הַשָּׁנָה (כַּמּוּבָא בְּחַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה) ; דִי בֶּעסְטֶע פְּלַאץ וואוּ זִיךְ צוּ גְרֵייטְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה - וֶועט זַיין אִינֶעם נֵייעֶם בִּנְיָן וואוּ מֶען דְרוּקְט הוּנְדֶערְטֶער טוֹיזְנְטֶער סְפָרִים צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶעמֶען קַיין אוּמַאן.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, טֵייל נִישְׁט קַיין טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ דַארְפְן נִישְׁט דִי זַאכְן, בִּפְרַט דִי וָואס גֶעבְּן פַאר הַדְפָּסָה, דִי וָואס הָאבְּן אַן הַרְגָּשָׁה אִינֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ - דִי דַארְפְן נִישְׁט טֵייעֶרֶע זַאכְן. אִיךְ זָאג דִיר, עֶס אִיז אַ שָׁאד דִי צַייט, אַ שָׁאד דִי גֶעלְט.

עֶס אִיז דָא נָאךְ אַפָּאר פְּרָטִים וָואס אִיךְ וִויל רֶעדְן מִיט דִיר פָּנִים בְּפָנִים.

זֶע צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י, מִשְׁנָיוֹת, גְמָרָא, הֲלָכָה וְכוּ'.

...

### מִיר פְרֵייעֶן זִיךְ צוּ אַזַא טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחָה אִין שְׁטֶעטְל

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ד' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן**
**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר וְזוּגָתוֹ תִּחְיֶ'**

בְּרוּכִים הַבָּאִים בְּשֵׁם ה' בֵּרַכְנוּכֶם מִבֵּית ה'.

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע פְרֵייד פַאר מִיר און פַאר דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל אַז אַזַא טֵייעֶרֶע מִשְׁפָּחָה הָאט זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן דָא צוּ וואוֹינֶען.

דִי וֶוערְד פוּן שְׁטֶעטְל אִיז אַרוֹיף וֶוען מִיר בַּאקוּמֶען אַזַא חָשׁוּבְ'עֶ מִשְׁפָּחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל עֶנְק הֶעלְפְן מִיט גֶעזוּנְט אוּן נַחַת, אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּצִיעֶן עֶנְקֶערֶע דוֹרוֹת אוּן זֶען פוּן זֵיי אַסַאךְ נַחַת. אִיר זָאלְט לִיכְטִיג מַאכְן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט עֶנְקֶער עֲבוֹדוֹת הַקוֹדֶשׁ, יֶעדֶער זָאל וִויסְן אַז עֶס אִיז דָא אֵיין עֵצָה: "עֲצָתוֹ אֱמוּנָה", אוּן אַלֶע זָאלְן הָאבְן דִי בְּרָכָה פוּן (מִשְׁלֵי כח, כ): "אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת", אָמֵן.

...

## אַייעֶרֶע קִינְדֶער דַארְפְן אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳ בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין גֶעשְׁרִיבְּן אַז אִיר זָאלְט זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס אִיר עֶסְט, אִיר זָאלְט עֶסְן נָאר גֶעזוּנְטֶע עֶסְן.

יֶעצְט זָאגְט מִיר אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר אַז אִיר שְׁפִּירְט זִיךְ זֵייעֶר שְׁוַואךְ, אִיר לִיגְט טָאג אוּן נַאכְט, אִיר קֶענְט גָארְנִישְׁט טוּן.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי אַז אִיר הָאט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן אַייעֶר וִוילְן צוּ זַיין גֶעזוּנְט; וָואלְט אִיר אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן וָואס אִיר עֶסְט - וָואלְט אִיר גֶעוֶוען גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. אִיר זֶענְט יוּנְג, אִיר זֶענְט אַ מַאמֶע, אִיר דַארְפְט זַיין גֶעזוּנְט; אַייעֶרֶע קִינְדֶער דַארְפְן אַ גֶעזוּנְטֶע מַאמֶע, פַארְוָואס זָאלְט אִיר נִישְׁט פָאלְגְן דִי דִייעֶט אוּן עֶסְן נָאר גֶעזוּנְט?

בַּיי אַ אִיד אִיז דֶער מֹחַ שְׁטֶערְקֶער פוּן דִי הַארְץ, דִי הַארְץ גְלִיסְט אוּן דֶער מֹחַ טְרַאכְט, וֶוען דִי הַארְץ גְלִיסְט צוּ טוּן אָדֶער עֶסְן וְכוּ׳ - דַארְף דֶער מֹחַ מַאכְן דִי הַחְלָטָה יָא צִי נֵיין, אוּן אַז דֶער מֹחַ זָאגְט נֵיין - אִיז גֶעעֶנְדִיגְט, אִיז נֵיין.

אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, אִיךְ קֶען נָאר מְחַזֵק זַיין וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס וִויל, אָבֶּער אַז מֶען וִויל נִישְׁט לֶעבְן, מֶען וִויל נִישְׁט זַיין גֶעזוּנְט - וָואס קֶען אִיךְ טוּן.

...

### אַז דַיין צוּקֶער אִיז הוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ה' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

אַז דַיין צוּקֶער אִיז הוֹיךְ זָאלְסְטוּ זִיךְ זַייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן, פְּרֶעג דֶעם דָאקְטֶער וָואס דוּ מֶעגְסְט עֶסְן אוּן גֶעבּ זִיךְ זַייעֶר אַכְטוּנְג. אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַכְטוּנְג - קֶען מֶען לֶעבְּן אֲפִילוּ מֶען לַיידְט אוֹיף צוּקֶער; חַס וְשָׁלוֹם אַז מֶען שְׁפִּילְט זִיךְ, מֶען עֶסְט וָואס מֶען טָאר נִישְׁט - קֶען מֶען פַארְלִירְן אֵיבָרִים, מֶען פַארְלִירְט אַ פוּס רַחֲמָנָא לִצְּלָן, אוּן אוֹיךְ דִי לֶעבְּן הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

יֶעדֶע מִינוּט וָואס מֶען הִיט זִיךְ - אִיז מֶען מְקַיֵּים אַ מִצְוָה, "וְנִשְׁמַרְתֶּם מְאֹד לְנַפְשֹׁתֵיכֶם" (דְּבָרִים ד, טו), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל מֶען זָאל זִיךְ הִיטְן; דַיינֶע קִינְדֶער דַארְפְן אַ טַאטֶע, אַ גֶעזוּנְטֶע טַאטֶע.

זַיי זִיךְ מְקַבֵּל נִישְׁט צוּ רֶעדְן בַּיים דַאוֶונֶען, עֶס זָאל דִיר זַיין אַ זְכוּת פַאר אַ רְפוּאָה.

...

### וֶוער נִישְׁט אַ קְנֶעכְט פַאר'ן טֶעלֶעפָאן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז נִישְׁט "וַואטְס-עֶפְּפּ", דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אַז דֶער מֶענְטְשׁ אַנְטְלוֹיפְט פוּן זַיין לֶעבְּן. טֶעקְסְט מֶעסֶעדְזְשׁ אִיז אוֹיךְ שֶׁעדְלִיךְ וֶוען מֶען נוּצְט דָאס אַוֶועק צוּ לוֹיפְן פוּנֶעם לֶעבְּן; אִיךְ זֶע בַּיי בָּחוּרִים, ווִי נָאר זֵיי בַּאקוּמֶען אַ טֶעלֶעפָאן - שְׁרַייבְּן זֵיי זִיךְ אַיין אוֹיף גְרוּפְּס, עֶס גֵייט אַוֶועק דִי טָאג, דִי קָאפּ אוּן דִי מֹחַ, מֶען וֶוערְט אַ קְנֶעכְט פַאר'ן טֶעלֶעפָאן.

אַז דוּ דַארְפְסְט הָאבְּן וַואטְס-עֶפְּפּ פַאר פַּרְנָסָה, פַאר קַאר סֶערְוִויס - אִיז דָאס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, קֶענְסְט דָאס הָאבְּן, אָבֶער זָאלְסְט זֶען נָאר צוּ הָאבְּן דִי אֵיינֶע קָאנְטֶעקְט, דִי אֵיין גְרוּפּ אוּן נִישְׁט מֶער. אַז דוּ וֶועסְט הָאבְּן נָאךְ

קָאנְטֶעקְטְס; דֶער וֶועט דִיר שִׁיקְן נָאר אֵיין בִּילְד, אַ צְוֵוייטֶער וֶועט דִיר שִׁיקְן נָאר אַ גֶענֶעץ אוּן אַ דְרִיטֶער אַ סְנִיס - בִּיסְטוּ פֶּערְטִיג, בִּיסְטוּ פַּארְקֶנֶעכְטֶעט, דַיין וַוייבּ אַן אַלְמָנָה אוּן דַיינֶע קִינְדֶער יְתוֹמִים.

דִי שְׁפְּרַאךְ פוּן "צַדִיק אֱמֶת", "אֱמֶת לַאֲמִתּוֹ", "אֱמֶת'ן אֱמֶת'ן אֱמֶת" - לָאז אִיבֶּער דָארְט וואוּ דוּ בִּיסְט, דָא קוּם דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; לֶערְנֶען, דַאוֶונֶען אוּן רֶעדְן שַׁיין אִין שְׁטוּבּ צוּ דִי וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**גֶעבּ צַייט פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, וֶועסְט פִיל פַארְדִינֶען**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ הָאסְט בַּאקוּמֶען אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְבָמוֹת סג:): "אִשָּׁה טוֹבָה מַתָּנָה טוֹבָה לְבַעֲלָהּ", דִי שֶׁענְסְטֶע מַתָּנָה וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן; וִויל אִיךְ דִיר בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט דָאס הַאלְטְן חָשׁוּב. קוּם אַהֵיים צַייטְלִיךְ, הֶער אוֹיף נָאכְלוֹיפְן דִי בְּהֵמוֹת (עַיֵּין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יא, מִבֶּן מֶלֶךְ וּבֶן שִׁפְחָה שֶׁנִּתְחַלְּפוּ), קוּם אַהֵיים צוּ דַיין מִשְׁפָּחָה.

מֶען דַארְף טַאקֶע טוּן חֶסֶד, מֶען דַארְף הֶעלְפְן אַנְדֶערֶע; אָבֶּער דִי וַוייבּ דַיינֶע וַוארְט אוֹיף דִיר. אִיךְ ווִיל דִיר פְרֶעגְן: "הֶעלְפְן דִי וַוייבּ, אַהֵיים קוּמֶען צוּ אִיר, רֶעדְן מִיט אִיר, אִיר אוֹיסְהֶערְן - דָאס אִיז נִישְׁט חֶסֶד?!"

אִיךְ בֶּעט דִיר, פַאר דַיין טוֹבָה, פַאר דַיין הַצְלָחָה, גֶעבּ אַבִּיסְל צַייט פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה; רֶעד צוּ אִיר שַׁיין, זַיי אִיר דַן לְכַף זְכוּת - וֶועסְטוּ זַייעֶר פִיל פַארְדִינֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**פּוּנְקְט בַּיי שִׁידוּכִים זִינְגְט מֶען דֶעם נִיגוּן אַז אַלֶעס אִיז בַּאשֶׁערְט**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

פִּלְאֵי פְּלָאִים! אַלֶעס טוּט מֶען, אַלֶעס מַאכְט מֶען, אָבֶער וֶוען דָאס קִינְד בֶּעט דִי עֶלְטֶערְן: "אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן", "אִיךְ וִויל אַ שִׁידוּךְ" - נֶעמְט מֶען אַרוֹיס פוּן שַׁאנְק אַ שֵׁיינֶע הֶעכֶערֶע סָארְט וָוארְט אוּן מֶען הוֹיבְּט אָן זָאגְן: "עֶס אִיז בַּאשֶׁערְט", "עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט בַּאשֶׁערְט", "עֶס וֶועט קוּמֶען דִי בַּאשֶׁערְטֶע מִינוּט".

אַלֶעס בִּיז אַהִין טוּט מֶען אוּן מֶען מַאכְט, אַלֶעס אִין דִי וֶועלְט גֵייט אָן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן בַּאשֶׁערְט; אַז מֶען מַאכְט אַ טָעוּת, מֶען פַארְשְׁפֶּעטִיגְט דִי צַייט - שְׁרֵייט מֶען, אַז מֶען הָאט עֶפֶּעס אוֹיסְגֶעגָאסְן - כַאפְּט מֶען קוֹלוֹת; נִישְׁט קַיין בַּאשֶׁערְט, נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה, אוּן וִוי נָאר דָאס קִינְד בֶּעט: "אִיךְ וִויל חֲתוּנָה הָאבְּן", "אִיךְ וִויל זַיין רֵיין", "אִיךְ וִויל בּוֹיעֶן מַיין שְׁטוּבּ" - הוֹיבְּט מֶען אָן זִינְגֶען דִי נִיגוּן פוּן בַּאשֶׁערְט.

בֶּעט דַיינֶע עֶלְטֶערְן, זַיי אָפְּן מִיט זֵיי; זֵיי טוּעֶן וָואס אִיז גוּט פַאר זֵיי, דוּ זָאלְסְט אוֹיךְ טוּן וָואס אִיז גוּט פַאר דִיר אַלֵיינְס, דוּ דַארְפְסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, אָנְהוֹיבְּן דַיין לֶעבְּן.

...

**תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ צוּ לֶעבְּן**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ו' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אוּנְז, וֶוער עֶס וִויל וִויסְן וָואס צוּ טוּן אִין לֶעבְּן אוּן הָאבְּן כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאל זָאגְן תְּהִלִּים; תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, תְּהִלִּים גֶעבְּט כֹּחַ צוּ לֶעבְּן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעהַאט אִין יַבְנְאֵל אַ כּוֹלֵל פַאר פְרוֹיעֶן, מֶען פְלֶעגְט זִיךְ צַאמְקוּמֶען זָאגְן תְּהִלִּים, יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם פוּנֶעם טָאג, אוּן עֶנְדִיגְן יֶעדֶע

וָואךְ סֵפֶר תְּהִלִּים.

וואוּיל אִיז דִי פְּרוּי וָואס זָאגְט תְּהִלִּים אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אַלֶע בַּקָשׁוֹת, וֶועט זִי זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיט תְּשׁוּבָה, מִיט קִרְבַת אֱלֹקִים.

...

## זֶען פַארְוָואס דִי עֶירְקָאנְדִישְׁן אִין כּוֹלֵל מַאכְט פְּרָאבְּלֶעמֶען

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ וִויל דִיר בֶּעטְן אוֹיב דוּ קֶענְסְט אַרַיינְקוּקְן אִין דִי עֶירְקָאנְדִישְׁן אִין כּוֹלֵל אִין שְׁטֶעטְל, עֶס מַאכְט אַ גֶערוּדֶער, עֶס שְׁטֶערְט מִיר גֶעבְּן שִׁיעוּרִים; לָאז מִיר וִויסְן אוֹיב דָאס צִיט אַרַיין אִין גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער.

בִּכְלַל אִיז מִיר אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער אַז אִיךְ זֶע דִיר נִישְׁט, אִיךְ הֶער נִישְׁט פוּן דִיר; אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן דִיר צוּ זֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## צִינְדְן דִי שַׁבָּת לִיכְט רוּאִיג, פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעלַאסְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

וִוי אַזוֹי מֶען אִיז מְקַבֵּל שַׁבָּת - אַזוֹי אִיז מֶען מְקַבֵּל פָּנִים דִי נְשָׁמָה וֶוען זִי קוּמְט אַרוֹיף בְּעוֹלָם הָעֶלְיוֹן. וֶוען אַ פְּרוֹי צִינְדְט לִיכְט מִיט שִׂמְחָה, זִי אִיז מְקַבֵּל דִי נְשָׁמָה יְתֵירָה מִיט פְרֵייד, מִיט לִיבְשַׁאפְט, וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט אַרוֹיף צוּ גֵיין לְעוֹלָם הָעֶלְיוֹן - וֶועט מֶען מְקַבֵּל זַיין אִיר נְשָׁמָה מִיט גְרוֹיס פְרֵייד.

אַזוֹי זָאגְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי (תִּקּוּנֵי זוֹהַר תִּיקּוּן ו, דַף כג:): "מָאן דִּמְקַבְּלִין אוּשְׁפִּיזִין" וֶוער עֶס נֶעמְט אוֹיף דִי גֶעסְט, וֶועלְכֶע גֶעסְט? "דְּאִינוּן נִשְׁמָתִין

יְתֵרִין" דִי נְשָׁמָה יְתֵירָה, "דְּאִינוּן מַרְכִּיבִין עֲלַיְיהוּ בְּעֶרֶב שַׁבָּת" וָואס קוּמְט עֶרֶב שַׁבָּת, "בְּאַנְפִּין צְהוּבִין" מִיט אַ לִיכְטִיגֶע פָּנִים, "בְּחֶדְוָה" מִיט פְרֵייד, "בְּעִנּוּגָא" מִיט אַ פַארְגֶענוּגְן, "בְּהַאי עָלְמָא" אוֹיף דִי וֶועלְט, "כַּד נִשְׁמָתָא וְרוּחָא וְנַפְשָׁא נָפִיק מִן גּוּפֵיהּ מֵהַאי עָלְמָא, הָכִי מְקַבְּלִין לוֹן" אַזוֹי וֶועט מֶען אִיר מְקַבֵּל פָּנִים זַיין, "בְּעָלְמָא דְאָתֵי" אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "וְאִתְּמַר בְּהוֹן" אוֹיף דֶעם מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט (תְּהִלִּים פד, ד): "גַּם צִפּוֹר מָצְאָה בַיִת וְגוֹ'".

"זַכָּאָה אִיהוּ" וואוּיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ, "מָאן דִּמְקַבֵּל אוֹרְחִין בִּרְעוּ שְׁלִים" וָואס נֶעמְט אוֹיף גֶעסְט מִיט אַ גוּטֶע ווילְן, "כְּאִלּוּ מְקַבֵּל אַנְפֵּי שְׁכִינְתָּא" עֶס אִיז אַזוֹי ווִי עֶר אִיז מְקַבֵּל פָּנִים, עֶר נֶעמְט אוֹיף - דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "דִבְמִדָּה דְמָדַד בַּר נַשׁ" ווייל ווִי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ, "בָּהּ מוֹדְדִין לֵיהּ" פִירְט מֶען זִיךְ מִיט אִים.

בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיר זָאלְט קֶענֶען אָנְקוּמֶען אִין צַייט, צִינְדְן דִי שַׁבָּת לִיכְט רוּאִיג, פְרֵיילִיךְ אוּן גֶעלַאסְן. מֶען זֶעט ווִי דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם מַאכְט מְשׁוּגָע מֶענְטְשְׁן; פְרַייטָאג אִין דִי זוּמֶער וָואכְן אִיז אַזוֹי לַאנְג, דָאךְ קוּמְט מֶען נִישְׁט אָן צוּ צִינְדְן אִין צַייט, מֶען לוֹיפְט אִין שׁוֹיעֶר בַּיים זְמַן, מֶען שְׁרֵייט, מֶען רֶעגְט זִיךְ; דָאס אַלֶעס מַאכְט דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם כְּדֵי מֶען זָאל נִישְׁט אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם גַאסְט, דֶעם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ - מִיט שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד.

מַיין מַאמֶע תִּחְיֶ' פְלֶעגְט זִיךְ אָנְטוּן שׁוֹין צוּם לִיכְט צִינְדְן אַ שֵׁיינֶע קְלֵייד, זִי פְלֶעגְט זָאגְן: "מִיט דִי קְלֵייד וָואס מֶען צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט - זִיצְט מֶען אִין גַּן עֵדֶן"; דָאס אִיז פוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן שְׁטִיקְל זוֹהַר וָואס זָאגְט, ווִי אַזוֹי מֶען נֶעמְט אוֹיף דֶעם שַׁבָּת - אַזוֹי וֶועט מֶען מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דִי נְשָׁמָה.

וואוּיל אִיז דִי פְרוֹי וָואס גֵייט אַריין שַׁבָּת מִיט אַ שִׂמְחָה, מִיט שָׁלוֹם אוּן לִיבְשַׁאפְט.

...

**גֶעב אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדֶע פְּרוּטָה פוּן דִי מוֹסְדוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פָּרָשַׁת חֻקַּת, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

קוֹדֶם כָּל אַ גְרוֹיסְן יִישַׁר כֹּחַ פַאר'ן מִיר הֶעלְפְן מִיט דִי מוֹסָד; זַייט דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין אָפִיס - קֶען מֶען מִיט'ן בַּאשֶׁעפֶער'ס הִילְף צָאלְן דִי אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין צַייט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן וַוייטֶער.

אִיךְ בֶּעט דִיר בְּרַחֲמִים, זֶע דִי אָפִיס זָאל זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי וֶוען אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעפִירְט. הַיינְט בִּין אִיךְ שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי בַּאקַאנְט אִין יֶעדֶע פְּרַט אִין אָפִיס, דָאךְ ווִיל אִיךְ עֶס זָאל זִיךְ פִירְן אַזוֹי וִוי אַלֶע יָארְן.

גֶעב אַכְטוּנְג אוֹיף יֶעדֶע פְּרוּטָה, לָאז נִישְׁט אוֹיסְגֶעבְן קַיין אֵיין פְּרוּטָה אוֹיבּ עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס. בַּיי אוּנְז זָאל נִישְׁט זַיין קַיין הֶפְקֵרוּת פוּן צוּשְׁטֶעלְן, קוֹיפְן אוּן אוֹיסְגֶעבְן; עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן דִי קִינְדֶער זִיצְן אוֹיף מִילְךְ קֶעסְטְלֶעךְ אוּן נִישְׁט זִינְקֶען אִין חוֹבוֹת, וִוי אֵיידֶער גִיסְן גֶעלְט אוּן זַיין שׁוּלְדִיג.

אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער דַארְפְן גָארְנִישְׁט, אוּנְזֶער חִינוּךְ אִיז נִישְׁט מַתָּנוֹת מִיט שְׁוואוּילְטָאג, אוּנְזֶער חִינוּךְ אִיז מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס וָואס רֶעכֶענֶען זִיךְ מִיט יֶעדְן קִינְד; בַּיי דִיר אִין בִּיזְנֶעס קֶענְסְטוּ טוּן וָואס דוּ ווִילְסְט מִיט דַיין גֶעלְט, בַּיי דִי מוֹסָד זָאלְסְטוּ צִיטֶערְן פוּן אוֹיסְגֶעבְן אֵיין אִיבְּרִיגֶע דָאלֶער, קֵיינֶער אִין דִי מוֹסָד קֶען נִישְׁט זָאגְן אוֹיסְצוּגֶעבְן גֶעלְט אָן רְשׁוּת.

גֶעדֶענְק וָואס אִיךְ בֶּעט דִיר, מִיר קֶען מֶען נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען, אִיךְ וֵוייס בָּרוּךְ הַשֵּׁם פִּינְקְטְלִיךְ וָואס אִיךְ ווִיל; זָאל דִי גַאנְצֶע אָפִיס אַוֶועק גֵיין - וֶועט דִי מוֹסָד נִישְׁט צֶעפַאלְן. וֶוער עֶס ווִיל מִיר הֶעלְפְן, וֶוער עֶס ווִיל אַרְבֶּעטְן פַאר דִי מוֹסָד - אִיז דָאס זַיין זְכוּת.

נֶעם דֶעם בְּרִיוו, וַוייז עֶס פַאר ... אוּן פַאר אַלֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע.

...

**אִיךְ בִּין טַאקֶע נִישְׁט קַיין מַלְאָךְ, אָבֶער אוֹיךְ נִישְׁט קַיין גַלָח**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת חֻקַּת, ז' תַּמּוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי**

"אָדֶער אַ מַלְאָךְ אָדֶער אַ גַלָח" - אִיז אַ בַּאקַאנְטֶע אוֹיסְדְרוּק בַּיי מֶענְטְשְׁן, אָבֶער בַּיים רֶבִּי'ן - חַס מִלְּהַזְכִּיר.

בַּיים רֶבִּי'ן וֵוייסְט מֶען, אִיךְ בִּין טַאקֶע נִישְׁט קַיין מַלְאָךְ, אָבֶער אוֹיךְ נִישְׁט קַיין גַלָח; אִיךְ בִּין אַ אִיד, אִיךְ פַּאל אוּן אִיךְ הֵייבּ זִיךְ אוֹיף; אִיךְ מַאךְ אַ קַבָּלָה אוּן עֶס הַאלְט פִּינְקְט אַ טָאג, דָאךְ מַאךְ אִיךְ נָאךְ קַבָּלוֹת.

אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט זָאגְן חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת - זָאג אִיךְ אָבֶער אֵיין פֶּרֶק, אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין אִינְגַאנְצְן אָפְּגֶעהִיטְן - וֶועל אִיךְ זִיךְ הִיטְן אֵיין מִינוּט אַ טָאג.

אַ מְחַיֶה דִי לִימוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, דָאס בְּרֶענְגְט צוּ גְרוֹיסֶע זַאכְן, מֶען קֶען בַּיים סוֹף וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, מֶען דַארְף נָאר פָאלְגְן.

בֶּעט אִיךְ דִיר, טוּ עֶפֶּעס, לֶערְן אַ בְּרֶעקֶעלֶע, זַיי פְרֵיילִיךְ אַ טְרָאפְּקֶעלֶע.

...